STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00528

TSU A YIDISHER TOKHTER

David Einhorn

*Permanent preservation of this book was made possible
by Alice S. Kruger, Ph.D. & Stanley I. Kruger, Ph.D.
in memory of
their parents*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דוד אײנהארן

צו א אידישער טאכטער

לידער



פערלאג „ניי וועלט" ניו-יארק

צו אַ אידישער טאָכטער

1913—1914—1915

3 צו גוטער ליסאַן געווינט

איך בין אוועק פֿון דעם פֿאַרשוועבטן טומל,
וואָס פּלאַצט אין אונטער קרעכצישן מאַרק,
א בין צו יענעם אַלט פֿאַרוועלקטן פּאַרק,
וואו טיליפּס געמיים בײַ בלעטער וואונטער בלימל;

וואו סכוכים אַרײַנער, טיפֿער, בלעטער פּימל,
בײַ אַלטער, שטײַנענער בענקעלע אויפֿן קאַרק;
וואו יעדע צװײַטער־ווערט ווי פֿעלזן שטאַרק
און יעדן פֿרילינג אויסוועבט א טבּויען בימל.

דאָרט פּרוב איך נאָך אַלמאָגן שווערן וובן
דיך און די קוויטט זײַן אײַגענעם בויגע געפֿונען,
אין אײַגענעם קרײַז פֿון אבערן און טויבן.

דאָרט פּאַטס איך געלעבן צו פֿאַרטרײַבן
פֿון דײַן באַקאַל דעם תּיכן לאַפּט פֿון זונען,
און אין געדענקט פֿון גלאָטן שטויב אַרויבעלן.

בערן 14-III-16

איינטריטס געבעט

רונג איז מיין ליבע,
ריין אָהן א פלעק;
גאנץ מיין נשמה
שענק איך אַוועק
דער, וואָס דיין ווילען
בעשערט האָט צו מיר.
שיין, גאָט, מיין ליבע,
מיין ליבע צו איהר!...

ריין זאָל מיין אויג זיין,
לויטער מיין זעל,
קלאָר זאָל מיין הארץ זיין,
גלייך ווי א קוועל;
זיין זאָל מיין קרבן
א גאַנצער פאַר דיר.
שיין, גאָט, מיין ליבע,
מיין ליבע צו איהר!...

שטאַרקע נסיונות
רינגלען מיך אום;
עס לאָקערט דער שטן
און ציהט מיך וואו שטום.
נאָט, אפשר פאַלט שוין
זיין בליק אויך אויף איהר?...
שיץ, גאָט, איהר ליבע,
איהר ליבע צו מיר!...

גלייך ווי עס נויגט זיך
א בלום צו א בלום;
גלייך ווי דיין חסד
די וועלט נעהמט ארום,
זיין זאָל די ליבע
ביי איהר און ביי מיר.
שיץ, גאָט, מיין ליבע,
מיין ליבע צו איהר!...

ערשטעס בוך

ווידער זעה איך דיר אינגאַנצען
פריי פון אַלע דונקעלע טיכער,
כאָטש דו שיינסט אין טויזענד גלאַנצען,
דאָך מיין אויג בלייבט קלאָר און זיכער.

דיינע שלאַנקע, ווייסע גלידער
וועט מיין אויג דיר נישט פערדאַרבען;
איינס נאָר זעה איך — דיך, מיין ליבסטע,
אין דעם ים פון ליכט און פאַרבען.

און איך פאַל אויף מיינע קניהען,
און איך דאַנק דיר פאַר דיין שענהייט,
פאַר דער אינערער ערלעזונג
און דער פלאַמענדיגער ריינהייט;

פאַר דעם גייסט אין מאַרמאָר־פאָרמען,
וועלכע ווערען נישט צורונען;
פאר דערפאַר, וואָס איך האָב, ליבסטע,
ווידער מיך אין דיך געפונען...

סאָנעטען

בערן, מאַי־יוני, 1914.

I

דיין בליק בערווישט, דיין בליק מאכט צאַרט ביז טרערען,
דיין בליק — ער רייצט און רוהיגט איין צוזאַמען.
איך האָב דיך ליב נאָך צאַרטער פון מיין מאַמען —
איך ברען נאָך דיר אין ערדישען בעגעהרען.

מיין קינד, דו קאָנסט די ליידענשאַפט בעשווערען
און מיט איין בליק די לוסט אין הארצען צאַמען,
און פּלוצלונג ווידער אויפוועקען די פלאַמען
און מיט איין בליק איינגנאַצען מיך פערצעהרען.

דיין זעל האָט זיך אין הימלען צוויי געבאָרען:
אין מזרח פלאַם און צפון׳דיגען טרויער.
דאָ שיינסטו אויף, ווי שלומית *) אין איהר טאַנצען,

און דאָ — ווי מרים פון מגדול, בעלאָרען
מיט שווערער פּיין, פערהילט אין שווארצען שלייער,
און שטיל בעצירט מיט ווייסע ליליען־קראַנצען.

---

*) שלומית, הורדוס׳עס טאָכטער.

II

דו ביסט מיר שוין אין יוגענד־טרוים ערשינען.
אין יעדען זומער, פרייטאָג אויף דער נאַכט,
פלענסטו, בעצירט אין שיר־השירים־פּראַכט,
מיט דיין געשטאַלט פאַר׳שיכור׳ן מיין זינען.

דאַן פלעג איך זעהן אַ ברייטע לאַנקע גרינען
אין אָוועגד־גלאַנץ מיט ציפּרעסען בעוואַכט,
און דיך אין מיטען, פיהרענדיג פערטראַכט
אַ צויבער־טאַנץ מיט פייערדיגע בינען:

אַ ווייסע טויב מיט אויסגעשפּרייטע פליגעל,
אַ ווייסע שלאַנג אין סאַמעטענעם גראָז,
אַ קיניגס קינד מיט וואונדערליכע אויגען.

די ברוסט געדריקט מיט פייערדיגע זיגעל,
דאָ לופטיג בלאַס, דאָ לאָקערנדיג ראָז —
האָסטו מיך דאַן אין הייליג׳ן פלאַם געצויגען.

III

דיך האָט געקרוינט דער גורל פאַר אַ שוועסטער:
אין שווערער פּיין די גרויסע טרייסט צו טראָגן,
און אין דעם תהום פון אונבעגרענצטע פּלאָגן
מיט גוטע רייד דעם גייסט אונז מאַכן פעסטער.

דיך האָט געקענט דער שייטער־פלאַם דער גרעסטער,
דו האָסט בעגלייט צום גאַלגן יעדן וואָגן
און נאָכדעם שטיל צוריקגעבראַכט צוטראָגן
אַ מוטער־האַרץ פאַר די צורויבטע נעסטער.

דעריבער ווען איך הער דעם קלאַנג פון גלאָקן
און זעה, ווי מיד עס שוואַרצן זיך די לאָקן,
מיט טרויער פול, אויף דיין אַלבאַסטער־שטערן, —

דאַן דוכט זיך מיר, עס וועט זיך באַלד בעווייזן
מיין צווייטער איך, געשמידט אין שווערן אייזן,
און הינטען דו, מיט אויגן פייכט פון טרערן.

IV

מיין פּאָטער'ס גלויבען האָט מיך נישט דערצווינגען
פון הארצען טיעף דיין הערליכקייט צו אכטען,
און ווען מיין זעל פלענט זוכען דיך און שמאכטען,
דאַן פלעג איך פעסט פערמאכען מיינע אויגען.

און יאָהרען לאנג האָט מיך צו דיר געצווינגען...
אין שווערע טעג, אין איינזאַמע פּארנאַכטען,
א רגע נאָר, אין נאָרטען אין פערשמאכטען,
דעם גרויסען סוד פון דיר אליין צו זויגען...

און פלוצלונג האָט זיך אויפגעפראלט דער טויער,
און דו ביזט שטעהן אין ליכט פאר מיר געבליבען
און פריי ענטפלעקט דעם געטליכען גן עדן,

בעפרייט מיין אויג פון שווערען, שווארצען שלייער,
געלערענט מיר דעם גרינגעם גראָז צו ליעבען,
און יענע שפראך, אויף וועלכע בלומען ריידען.

V

דער שטן זעלבסט האָט מיר אין זעל געביסען
אוּן אָנגעפילט מיין בלוט מיט ווילדע סמ'ען,
וואָס האָבען טיעף אין הארץ געברענט ווי פלאמען,
און נישט געלאָזט דאָס גליק פון רוה געניסען.

גערייצט פון לוסט, געפלאנט פון מיין געוויסען,
האָב איך געפרואווט פערווינגען זיך מיט גראמען,
מיט שטילען טאקט די בלוטען מיינע צאַמען
און מיט א טרוים פערוועבען זיי א זיסען.

ביז ס'האָט דיין פראכט די זינד אין מיר בעצוואונגען,
מיט מארמאָר־קעלט געשטילט דעם שטן'ס פייער,
מיט מאָרגען־טוי בעטריפט אין מיר מיין זעעלע,

מיט שמייכעל־סוד אין הארצען טיף גערדרונגען,
מיט בליקען־שטראהל געמאכט מיין זינען פרייער,
מיט ליפען־קוש דערוועקט א זון א העלע.

VI

פאר'שיכור'ט פון דער נאכט אין וועהענדע פארפומען,
בין איך ביים שוועל פון טיר געשטאנען און געווארט...
מיט מיר צוזאמען האט די גאנצע וועלט געגארט
און אויסגעקוקט מיט טויזענד שטערען אויף דיין קומען.

און פלוצלונג האט מיר ווער דערלאנגט א צווייג מיט בלומען:
די בלעטלעך זענען שוין ביי זיי געוועזן פערדארט...
און עמיץ האט געזאגט, — מיין פריינד, דו ביסט גענארט, —
נאר איך האב נישט געהערט און האב דעם צווייג גענומען.

איך האב אין זיך געגלויבט און אין דיין קראפט געגלויבט,
און מיט דעם פריהלינגס־דופט דעם ספק טיף פארטויבט
און אויף א נס געהאפט, אז טויטע וועלען לעבען...

מיין גלויבען האט געזיעגט, דער נס איז דאך געשעהן!
איך האב דיין ליעב געזיכט ביים שטערען־שיין געזעהן,
און נייע בליטען האט דער טויטער צווייג געגעבען.

VII

דאָס ליכט־און־שאָטען־שפּיל אין גאָלד פון תבואה,
דער שטראַהלען־שפּיל אויף בלאָהע וואַסער־שפּיגלען —
נאָר זיי וואָלטען געקאָנט אין זיך פאַרזיגלען
דעם טרוימען־שפּיל אין שפּינעל פון דיין רוהע.

דיין בליק — ער שטראַהלט מיט סודות פון נבואה:
דאָ דבורה'ן גלייך ביים שונא'ס פעסטונגס־ריגלען,
און דאָ ענטציקט אויף יענע הימעל־פליגלען,
וואו מרים האָט דערהערט דעם הללויה.

און ווען איך זעה אין גאָרטען דיך שפּאַצירען,
די שוואַרצע האָר צואוואָרפען אויפ'ן רוקען
און דאָס געזיכט צום הימעל אויפגעהויבען,

גלייך ווי דו וואָלסט דיין זעלע דאָרט פאַרלירען, —
דאַן ווילט זיך מיר פאַר גאָט מיט ליבע בוקען
און פול מיט גליק אין הימעל'ס וואונדער גלויבען.

VIII

אָלאָז דער ערד איהר אייגען פּראכט דערהויבען !
הויב אויף דיין קאָפּ און געה דער וועלט אנטקעגען !
די פּאלמע וועט אויף אלע ברייטע וועגען
דיין שלאנקען גוף מיט פעכערס גרינע לויבען.

דער מאָרגען־טוי וועט זיך אליין נישט גלויבען
און אויף דיין פארב ביי יעדען שטערען פרעגען.
און לייכטען וועט די זון זיך נישט דערוועגען,
ווען דו וועסט נאָר די ברעמען דיינע הויבען.

דיין ליפּען־קוש וועט אלע בלומען פילען ;
דיין שטערן וועט דעם קלאָרסטען שניי פארשעמען ;
דער מארמאָר־שטיין וועט פאר דיין ברוסט צופאלען ;

די נאכט וועט זיך אין דיינע לאָקען הילען ;
דער פריהלינגס־רעגען פאנגען וועט די ברעמען,
און שטיל אויף זיי מיט פּערעל קלאָרע שטראהלען.

IX

וואלט איך געקענט מיט דיך זיך זעלבסט פארהילען,
גלייך ווי א דעמב מיט הייסע זונען שטראהלען!
דערטרינקען זיך אין דיינע קלארע קוואלען
מיט ריינעם גייסט און איינגעווינטען ווילען...

מיט יעדען חוש בעגרייפען דיך און פיהלען,
און ווי א שניי אויף דיינע ליפען פאלען,
צוגעהן אויף זיי ווי מעער־שוים אויף קאראלען,
און מיט מיין טויט די גרויסע לוסט ערפילען...

גליה־אויף דעם פורפור־בראנד אויף דיינע באקען!
דעם שווארצען פלאם צושויבער אויפ'ן נאקען,
צעשפרייט דעם ווייסען פייער פון דיין ארעם.

איך וויל אין זיי פארברענען מיינע גלידער,
און נאכדעם גלייך ווי פעניקס אויפשטעהן ווידער
מיט נייעם גייסט און מיט בענייטער פארם...

X

מיין מזל האָט פאַר מיר די גרענעצען צעריסען,
און אַלע וועגען פריי פאַר מיינע פיס צעשפּרייט.
און נאָכדעם מיט אַ האַק פון וואָרצעל מיך צעשיידט,
בכדי איך זאָל דער ערד'ס ערפרישונג נישט געניסען.

נאָר טיף אין הארץ ביי מיר, בעפרייט פון יעדען וויסען,
פון דיינס אַ צאַרטען בליק אין מיטען וועג פארזעהט,
צעוואַקסען האָט זיך פריי די זון פון ליבעס־פרייד,
און ס'האָט אַ נייע קראַפט אין מיר גענומען פליסען.

די גאַנצע ערד איז איצט פאַר מיר געוואָרען פריי,
אויף יעדען באָדען וועט מיין שטאַם איצט געבען בליטען,
דיין בליק וועט אומעדום מיך וואָרעמען געטריי.

דיין בליק וועט אומעדום פון שטורעם מיך פערהיטען,
און ווען עס וועט דער הערבסט פאַרציהען מיך מיט בליי —
דאַן וועל איך צו מיין פוס די בליטער מיינע שיטען.

XI

פון דונקעל־בלאָהען פלאָם איז אויסגעוועבט דיין העמד,
א בלייכער שטערן שיינט אין נאַכט פון דיינע האָר;
דיין ברוסט איז ווי דער שוים פון וואַסער־וועלען קלאָר,
דיין בליק איז נאָהנט און דאָך ווי שטערען־שימער פרעמד...

די אָרימס ליגען בלייך, פון טיפען לוסט פארשעמט...
די שמאַכטענד ווייסע פיס פאַרהילט אין שוואַרצען פלאָר.
פון ווייטען זינגט ענטציקט אַ שטילער אָווענד־כאָר,
וואָס פלאַקערט אויף דאָס בלוט און מאַכט דעם גוף געלעהמט.

פון רויזען־פעלד צעשפרייט דער ווינד אַ הייסען דופט,
דער וואַסער־ברונען זומט און שפריצט מיט פערל־שוים,
די שלאַנקע פאַלמע שטאַרט אין היים געווירצטען לופט.

די מירטע ציטערט שטיל, דער לאָרבער שמאַכט געהיים.
דאָס אָווענד־ווינטעל גלעט, דער ווייכער גראָז — ער רופט...
די דרום־נאַכט זאָגט־צו איהר וואונדערבאַרען טרוים...

XII

די ביסט אין דריי פאר מיר ערשינען טרוימען:
דאָ מילד, דאָ ווילד, און דאָ פארהילט מיט וואונדעו
און יעדער טרוים געפאסט האָט זיך באזונדער
אין זונען־שיין און דונקעל־בלאָהע רוימען.

דאָ האָט צווישען וויים־צובליהטע בוימען,
ערשיינט פאר מיר א ברונען־שטיין אַ רונדער,
אַ סטאַדע שאָף, און דו ביסט דאָרט בעזונדער
געשטאנען, מיט אַ שמייכעל א געהיימען.

און פלוצלונג איז דאָס ערשטע בילד פארשוואונדען,
און דו ביסט אין אַ קלויסטער־הייל ארונטער...
די אויגען זיינען דיר געווען פארבונדען...

און דאָך האָסטו געטראָטען פעסט און מונטער
דאָס לעצטע בילד; אָ, ברענט נישט מיינע וואונדען!
עס איז געווען פון בלוט און פלאַמען בונטער...

XIII

ערשיין פאר מיר מיט שטאָלץ אין פּורפּור־קלייד פאַרצירט
דעם קאָפּ געהויבען הויך מיט מלכות'דיגע טריט...
איך וויל דיר שרייען „האָך" און פיהלען אין געמיטה
די צייט, ווען דו האָסט נאָך ביי מיר אין לאַנד רעגירט...

עתליה, עס האָט מיך דיין שטרענגער בליק בעריהרט!
איזבל, אויף דיין פּוס האָט זיך מיין קוס צעגליהט!
דיין צער, אַ מרים, האָט דאָס בלוט אין מיר צעגליהט...
נקמה האָט מיין הארץ, און שטאָל — מיין האַנד דערשפּירט.

איך וויל דיר זיין אַ קנעכט און היטען דיין געצעלט...
און שיצען דיך מיט לייב און שיצען דיך מיט זעל —
ערפילען אלץ, וואָס נאָר מיין קעניגין געפעהלט,

און מיט אַ טיעפער פרייד פאַרנעהמען דיין בעפעהל...
און ווען דו וועסט אָהן קרוין זיך לאָזען אין דער וועלט —
מיט דיר צוזאמען געהן און טרייסטען זיך אין קוועל...

XIV

דער טרוים האָט מיר אַ בלאָה׳ קאַנאַל אַ ברייטען
געצייגט, אין ליכט פון זיבען פריהלינגס-זונען...
און ביי דעם ברעג — ווי אינ׳ם שיין צערונען
ווענעדיגס פּאַלאַצען זיך פריי צעשפּרייטען.

און נעבען זיי אַ שטאָלצע פרוי אין רויטען,
פון מאַרמאָר־שטיין און זונען־שיין געוואונען;
די שווארצע האָר מיט פערל־נעץ בעשפּונען,
איהר רויטע קלייד געהאַפט אין זילבער־קווייטען.

איהר שווארצער בליק האָט ערנסט זיך געווענדעט
צו אַ גאָנדאָל אין בלאָהען וואסער־שפּיגעל,
געהיט פון צוויי מאַסקירטע גאָנדאָליערען.

און עמיץ האָט געזאָגט: אַ דאָנאַ גראַציאַ! *)
דיך שיצען זאָל די שכינה מיט איהר פליגעל,
און גאָט ישראל׳ס זעהן זאָל דיינע טרעהרען!

*) דאָנאַ גראַציאַ, דעם הערצאָג׳ס פון נאַקאָס שוועגערין.

XV

דריי טרעפּ פון שטיין און פיער געשניצטע זיילען,
פערהילט אין גרינס פון קלעטערנדע פלאַנצען,
א ווייסע וואנד, אַ טיר בעצירט מיט קראַנצען,
און איבער איהר געקריצט דאָס הויז פון ווײלען...

איך האָב געזאָגט: „מיין קינד, מען דארף זיך איילען!"
דו האָסט געזאָגט: „ווי שעהן די בלעטער גלאַנצען!
ווי ליב אין זון די שמעטערלינגען טאַנצען
און שיסען־אויף ווי בונטע בלומען־פיילען!"

איך האָב געזאָגט: „דו הערסט די בעכערס קלינגען?!"
דו האָסט געזאָגט: „ווי שעהן די פויגעל זינגען!
אַ הער, ווי ליב עס שפּילט דעם פּאַסטוך'ס פליימע!"

איך האָב געהערט און דאָך צום הויז געצויגען, —
און פלוצלונג האָט ערשיינט פאר מיינע אויגען
פון הויז־טיר שטיל אַ לאַנגע קייט פון טויטע...

XVI.

ערלויב מיר, קינד, מחילה דיר צו בעטען
פֿאר דרייסט און מוטה, וואָס איך האָב זיך גענומען,
צו רויבען פריי די פּראכט פון דיינע בלומען
און פאַסען עס אין אידישע סאָנעטען.

איך גלויב, מיין קינד, זיי וועלען זיך דאָך רעטען
פון קרעמער־בליק און, גלייך א תפילה, קומען
צו יענעמ׳ס הארץ, וואָס האָט אמאָל פארנומען
א מאמע׳ס טרייסט און שוועסטערליכען גלעטען...

איך האָב אמאָל געזעהן צווישען גאסען
א היילינ בילד, בעשיינט מיט שטילע ליכטער,
מיט ריינעם בליק און וואונדער־שעהנע שטריכען,

פאר איהר — אַ שטראָם א פייערליכען, בלאסען,
פון מענשען־הענד און בעטענדע געזיכטער...
און צו דעם בילד ביזטו, מיין קינד, געגליכען!...

צ ב י ה

א פעסט־שפּיל אין דריי אַרויסטרעטונגען

יאנואר 1914 בערן

פּערזאָנען:

בן זבדיה, אַ רייכער העלעניסטיש־געשטימטער אידישער אַריסטאָקראַט.
צביה, זיין טאָכטער.
שמעון, אַ לוי, אָנפיהרער פון אַ מכבי׳שער חיל־אָבטיילונג.
אַפּאָלאָדאָר, אַ יונגער גריך, געקומען פון קיפּרוס.
שמעון׳ס מענער־כאָר.
אַפּאָלאָדאָר׳ס מענער־ און פרויען־כאָר.

דאָס פעסט־שפּיל קומט פאָר אין דער צייט פון וואַפען־שטילשטאַנד אין די טעג פון יוחנן המכבי, הינטער ירושלים, אין בן זבדיה׳ס זומער־וואוינונג.

ערשטער ארויסטריט

בן זבדיה'ס זומער־וואוינונג. רעכטס אויף אַן אויפגעהויבענעם באָדען, אַ בעשיידענער טעמפעל פון ווייסען און געשפריצטען מאַרמאָר. פאַר'ן פאַסאַד אַ מאַרמאָר־געפלאסטערטע טעראַסע, וואָס אויף איהר פיהרען ארויף דריי ברייטע טרעפ. נאָך דער טעראַסע צוויי שורות זיילען, אויף וועלכע עס האַלט זיך דער דאַך פון טעמפעל. די גאַנצע געביידע איז פריי פון פארצירונגען. מען מערקט, אַז דער ארכיטעקט האָט געוואָלט שאַפען אַ גריכישען טעמפעל, נאָר אָהן סקולפטור־בילדער.

פאר דעם טעמפעל שפרייט זיך אויס אַ ברייטער פלאַץ, בעוואַקסען מיט אַ הויכען פרישען גראָז. הינטער'ן טעמפעל א קליין פאלמען־וועלדעל. לינקס, פון צווישען בערג, קוקט ארויס ירושלים מיט אַ טייל פון מקדש.

אויפ'ן גראָזיגען פלאַץ און די טרעפ שטעהען צעשטעלטביידע כאָרען. לינקס — שמעון'ס כאָר; אַ גרופע יונגע לייט, אָריענטאַליש געקליידט, מיט קורצע שווערדען אין די גארטלען. רעכטס — אפאָלאָדאָר'ס כאָר, געמישט פון מענער און פרויען, גריכיש געקליידט, מיט בלומען־קרענץ אויף די קעפ. אויף דער טעראַסע, וועלכע איז פערצירט מיט פרוכט און בלומען־קרענץ, שטעהט אַ קליינער אָרקעסטער—אַ געמיש פון גריכישע פלייטען און אידישע האַרפען. צווישען די זיילען זעהען זיך עטליכע בכבוד'יגע לייט אין די מיטעלע יאָהרען, טייל זיצענדיג, טייל שטעהענדיג.

אין מיטען טעראַסע אויף אַ מאַרמאָרנעם לעהן־באַנק זיצט צביה, אַ מיידעל פון אַ יאָהר 19, אין אַ קורצער זיידענער טוניקע, איבער וועלכער עס פאלט פון די אַקסלען אַ לאַנגער טולענער קרעם־שאַרף. אפּאָלאָדאָר און שמעון שטעהען נעבען זייערע כאָרען פון ביידע זייטען טרעפּ. דאָס גאַנצע בילד רוהט אין אַ פאַרנאַכטיגער בעלייכטונג. ירושלים, די בערג און אַ טייל פון מקדש אין אַ ראָזליך־גאָלדיגען שימער. דער טעמפּעל און זיין אומגעבונג נאַכלטיך־טונקעל.

פון איבער'ן וועלדעל הויבט אָן ארויפצושטייגען די לבנה, ביי איהר אויפגעהן הויבט אָן אַפּאָלאָדאָר'ס כאָר צו זינגען.

אפּאָלאָדאָר׳ס כאָר:

סאָלאָ:
ביי דעם מערב ברענט אין פלאַמען
ענדימיאָנעס פּורפּור־קלייד,
אַסטראַ׳ס שלייער שוועבט פון מזבח
פול מיט דימענטען פאַרשפּרייט.

כאָר:
העליאָס, העליאָס, גאָלד־געלאָקטער!
קיניג איבער ליכט און פרייד.
העליאָס, אונזער זעל דערשרעקט זיך,
ווען דו ווערסט מיט אונז צעשיידט.

סאָלאָ:
שטילער, היט סעלענעס קומען!...
אויף די פּאַלמען פאַלט איהר שיין.
זיבער דרעמלען איין די בלומען,
ציהען שטיל די בעכערס איין.

כאָר:
בלאַסע קיניגען פון שאָטענס

שיק דיין פרישען טוי דער ערד,
שיץ די רוה, ביז העליאָס׳ קומען
אויף די שנעלע הימעל׳ס-פערד.

שמעון׳ס כאָר (לאַנגזאַם וועגדענדיג די געזיכטער צו ירושלים):

עס פלאַמען די בערג פון יהודה אין נעטליכער פראכט.
עס וויקעלט זיך אוים פון די טאָלען אין טויען די נאכט.
פון מקדש דערהויבט זיך א תפילה צו גאָט אין דער הויך,
עס שטייגט, ווי א ליים, פון מזבח דער הייליגער רויך,
גאָט׳ס רוה געהט אראָב און צושפּרייט זיך אריבער׳ן שטאָדט.
די מויערען איהרע בעשיץ, דו אַלמעכטיגער גאָט!
ביי דיר אין דיין האנד איז דער גורל פון יעטווידער זעל;
דער מאָרגען ערשיינט מיט דיין חסד, דער אָווענד ערפילט דיין
בעפעהל.

סאָלאָ:

זאָל רוהען דיין שוץ אין יהודה און וואכען אויף יעטווידער שוועל...

כאָר:

זאָל רוהען דיין שוץ אין יהודה און וואכען אויף יעטווידער שוועל.

בן זבדיה (טרעט אַרוים פון צווישען די זיילען.)

עס וויגען זיך די פעכערס פון די פאַלמען,

ווי זילבער הענגט אין שיין פון דער לבנה.
עס רוהט דער טוי ווי פערל אויף די גראָזען.
פון די גערטנער בלאָזט דער ווינד מיט לויטער בשמים.
געענדיגט איז דער הימן און אויך די תפילה.
איצט הויבט זיך אָן די זומער נאכט די שטילע,
ווען הערצער נעהמט שטיל, געהיים צו קלאפּען;
דאָס אויג ווערט קלאָר, דעם מענשען'ס אויער אָפען —
דעם קלענסטען ריהר, דעם מינדסטען קלאנג צו כאפּען
און איין פערלאנג צעשפּרייט זיך אין דער לופטען,
גערייצט, געוועקט פון טויזענד בלומען־דופטען,
דער איין פערלאנג, וואָס מאכט די אָרעמס ציהען,
די ליפּען הייס און אַלע אויגען גליהען, —
דער איין פערלאנג פון ליבע און גענוס.
און דאָ אין שיין פון פאקלען און לבנה
דערקלער איך איצט דעם יום־טוב פון געפיהלען,
דעם יונגענד־פעסט פאַר ליבע און פאַר פרייד,
בעגלייט מיט פויק און פלייט און האַרפען שפּילען,
מיט ליד און קלאנג און פיין־געפּאסטע רייד.
בעגריסט זייט ביידע, איהר, פון ביידע זייטען,
אפּאָלאָדאָר, דו וואנדערער פון ווייטען,
וואָס ברענגט אונז פרייד פון אפראָדיטע'ס לאַנד,
און אויך מיין פריינד, דו שענסטער פון יהודה,
מיין שמעון, טרוים פון ציון'ס בעסטע בלומען.
מיך וואונדערט נישט וואָס דו ביסט איצט געקומען:
מיין צביה'ס בליק נישט איינעם האָט געפאנגען,

און אויך דיין הערץ געפאַנגען איז פון איהר.
איך וויים, ווי שטאַרק און גרוים איז דיין פאַרלאַנגען,
נאָר צביה'ן איז דאָס אַלץ נאָך אומבעוואוסט.
בעזיג איהר האַרץ אפריהער מיט געזאַנגען,
וואָס דו בעהערשט נישט ערגער, ווי דעם שווערד.
נאָר איינס געעדנק, מיין ליבער פריינד, אין זינגען:
נישט ראַכע, קריג און יאָגען זיך פון פערד —
מיין צביה'ס פּראַכט מוז אין דיין ליד דאָ קלינגען,
מיט פלאַם פון האַרץ און שענקייט פון דער ערד.
געדענק, דו האָסט פאַר זיך אַ שאַרפען געגנער:
אַפּאָלאָדאָר, איז אויך, ווי דו, פערליבט,
און אין דער קונסט פון זינגען איז ער מייסטער,
און גלייך, ווי דו, אין הערצער־פאַנג געאיבט.
נאָר וואַרט, געדולד! ביז איך וועל אייך ערלויבען,
אין וואָרט און קלאַנג מיין צביה'ס פּראַכט צו לויבען,
מוזט איהר נאָך זיין פון צביה'ן זעלבסט בעגריסט,
און אז די לויב זאָל קלינגען ניט אומזיסט,
וועט זי איהר קונסט אין טאַנצען אייך בעווייזען,
וואו יעדער וועט געפינען, וואָס ער וויל:
אי לעבענס־לוסט, אי שטילע מעדעל־צניעות,
אי ווילד בעגעהר, אי האַרציגען געפיהל,
יהודה'ס גייסט ערצויגען אין נביאות,
אין יון'ס פּראַכט געהיט פון געטער פיל.

צ ב י ה:

צופיל געליבט האָסטו מיך אין דיין רעדען,
אָ, פאָטער. איצט מוז איך שוין זיין בעשיידען
און שווייגענדיג בעגריסען מיינע געסט.
אַנשטאָט אַ דאנק פאר זייער ליעבען קומען
אויף אונזער פעסט,
בעשענקען וועל איך זיי מיט צוויי בעקאנטע בלומען.

(רייסט פון די קרענץ.)

דיר, ליעבער שמעון, פאסט א וויים בעטויטע ליליע,
און אייך, אפּאָלאָדאָר, געהערט א רויטע רויז.
דאָס איז דער ערשטער דאנק;
דער צווייטער וועט נאָך קומען;
נאָר ער געהערען וועט דעם זיגער בלויז.

ש מ ע ו ן (נעהמענדיג די בלום):

איך נעהם די בלום פון דיינע צארטע פינגער,
און כאָטש מיין שטאם איז רייך מיט גוטע זינגער,
דאָך וויים איך נישט, ווי הויבט מען אָן דאָס ליד.
און כאָטש דיין בליק איז צארט און מאכט מיר גרינגער,
דאָך פרעמד איז מיר דער גייסט, וואָס איז ארום.
און אפשר וואָלט מיין ליד פארבליבען שטום,
אזוי ווי דאן ביי בבל'ס פרעמדע טייכען, —
עס קען נאָט'ס ליד נישט קלינגען אין דער פרעמד —

נאַר, צביה, דיך — — דיך קאָן מיין ליד ניט ווייכען,
ווען נסך־ווייַן בעפלעקען זאָל מיין העמד.
(האַסטיג) נאַר ניין, דאָס וועט מיר נישט געשעהן.

(בייטענדיג דעם טאָן פארטראכט.)

איך האָב אמאָל אין מקדש דיך געזעהן:
דו האָסט נאָך דאַן אַ אידיש קלייד געטראָגען,
דו ביסט נאָך דאַן אַ יונגעס קינד געוועזן.
געבראכט האָסטו אַ קערבעל מיט בכורים
און שמייכלענדיג דעם כהן עס דערלאַנגט.
איך בין געשטאַנען דאַן מיט די לויים
און שפּילענדיג בעטראכט דיין יונג געשטאַלט.
און פּלוצלונג האָט מיין הארפע זיך צופלאָסען
און פרעכטיג האָט מיין ניגון זיך צוגאָסען:
עס האָט דיין בליק מיין לויב־געזאַנג בעשטראַהלט.
מיין ערשטער גרוס געוועזען איז אַ תפילה:
פארשוועכען וועט דאָס קיינמאָל ניט אַ לוי,
און ביז׳ן טויט פארבלייבען וועט דאָס ריין.
איך נעהם די בלום פון דיינע צארטע פינגער,
דיך אָבער, צביה, בענש איך מיט איהר חן.
פארשוואונדען ווערט דער חן פון ציון׳ס טעכטער:
דער זילבער קלאַנג פון זייער שטיל געלעכטער,
דער שטאָלצער טראָט און שעמעוודיגער בליק,
די צערטליכקייט און ליבע פון די טויבען,

דער ריינער וואונש און טיפער שעהנער גלויבען,
וואָס האָט געשטראַלט ביי זיי פון יעדען גליד.
וואָס טויג די פּראַכט, ווען זי איז אָהן נשמה:
עס גיט קיין טרייסט אַ בילד פון לויטער שטיין;
די פרייד פאַרגעהט, איהר ענדע האָט די תאוה,
דאָס הארץ בלייבט וויסט, פאַרלאָזען און אַליין;
די בעכערס פּוסט, די בלומען שוין צושאָטען,
די פּלייטע שטום, די בונטע קרענץ צוטראָטען,
עס קעהרט דער ווינט פאַרוועלקטע פּליטער אוים...
וואָס וואַרימט דאַן, אויב נישט אַ בליק אַ ריינער?
וואָס גיט דאַן רוה, אויב נישט אַ פריינדליך שוים?
אַ שענע זעל גיט אייביג שענע בליטען;
עס מיידט דער הארבסט אַ מענשליכען געפיהל;
נאָר גלויבען קאָן אין הארץ די ליעבע היטען;
נאָר טרייהייט קאָן זי שיצען אין דער שטיל.
איך נעהם די בלום פון דיינע צאַרטע פינגער:
זי איז, ווי דו, אַי שלאַנק, אַי מיידעלש־ריין.
איך נעהם די בלום פון דיינע צאַרטע פינגער.
אָ, זיי געבענשט אויף אייביג מיט איהר חן!

אַ פּ אָ ל אָ ד אָ ר (דעקלאַמירענדיג):

אין געטערלויזען לאַנד, פון גאָט בעהערשטע מענשען
האָט מיר דאָס גליק געבראַכט אַ פּראַכטפולען געשאַנק.
און איידער איך וועל געהן די פריהלינגס־געטין בענשען,

נעהם צו, אַ הערליכע, מיין הארציגסט־טיפען דאנק.
צי דען האָט אייער לאַנד אזעלכע בונטע רויזען,
וואָס מעגען פלאַטערען אויף אַפראָדיטע'ס ברוסט?
איך וויים, איהר האָט אַ בלוט, וואָס קאָן אונענדליך ברויזען,
דאָך נישט פון ליבעס־פלאַם און לעבענס־טיפער לוסט.
אָ, וואונדערבארעס לאַנד מיט וואונדערבארע זיטען,
פון אַלע געטער גלייך בעשאָנקען און בעצירט,
וואו רוהיג וויגען זיך די שעהנסטע פריהלינגס־בליטען
אין הויכען פרישען גראָז — פון קיינעם נישט געריהרט
מיט טרויבען זעגען פול די וויינגערטנער בעלאָדען, —
דאָך שטום איז באכוס' לויב: עס קלינגט נישט זיין געזאנג.
דער הימעל אייביג בלאָה און אייביג גרין דער באָדען, —
און דאָך איז יעדערן אין הארצען עפּעס באנג,
עס צירען נישט קיין לאַנד אזעלכע שענע טעכטער, —
דאָך זוכען איינזאַמקייט אין מדבר זיינע זיהן.
צי דען איז אייער גאָט אין הימעל אזא שלעכטער,
וואָס האָט געטויט אין אייך צו הערליכקייט דעם זין?
אָ, צביה, מזרח־רויז מיט זון־פערברענטע לאָקען,
דו בילד פון שווארצען פלאַם און ווייסען מירמעל־שטיין,
צי שטראָמט נישט איצט דיין בלוט, געיאָגט פון עראָס' אָטעם?
צי זוכט נישט איצט אַ האנד די ראָזע פון דיין חן?
אָ, צביה, מזרח־רויז מיט זון־פערברענטע לאָקען,
עס פלאַמט אין האנד ביי מיר דיין מיידעלשער געשאַנק.
די רויטע רויז — דאָס איז דער פאקעל פון דער יוגענד, —
און נאָך אמאָל פאַר איהר מיין הארציגסט־טיפען דאנק!...

צווייטער אַרויסטריט

צ ב י ה ׳ ס   ט א נ ץ.

נאַכט. ירושלים מיט׳ן מקדש פאַרדעקט אַ בלויליכער נעפּעל. הויך איבער׳ן וועלדעל שטעהט אַ פולע לבנה און בעגיסט דעם מאַרמאָר־טעמפּעל מיט אַ ווייס ליכט. אויפ׳ן פרייען גראָזיגען פּלאַץ פּליסט אַרוים פון טעמפּעל אַ רויט ליכט פון די פאַקלען, וואָס הענגען אַרום דער הינטער־שטער שורה זיילען. אויף דער ברייטער טעראסע ברענען צוויי הויכע גריכישע טעמפּעל־אויל־ליכטער, וואָס בערוהיגען אַ ביסעל דעם אונ־רוהיגען רויטען פאַקעל־שימער.

אין מיטען טעראסע שטעהט צביה אין אַ קורצער טוניקע, וואָס אנטפּלעקט איהרע נאַקעטע פים ביז צו די קניה. די קרעם טיולען הענגען מאַלעריש אַרום איהר און פּלאָנטערען זיך צונויף מיט די לאַנגע שווארצע צולאָזענע האָר.

קעגענאיבער אויפ׳ן גראָזיגען פּלאץ שטעהען צואוואָרפען אין גרופּעס שמעון׳ס און אַפּאָלאָדאָר׳ס כאָרען, דער אָרקעסטער שטעהט נעבען די זיילען, פאַרדעקאָרירט אין גרינס.

אויף די טרעפּ ביים זייט פון טעראסע שטעהען שמעון און אַפּאָלאָדאָר בעזונדער ווי אין ערוואַרטונג.

פון הינטער די זוילען גערט אַרויס בן זבדיה מיט דינער, וואָס טראָגען צוויי שטולען און קערב מיט בלומען.

בן זבדיה (צו די דינער):

די קרענץ פארריכט,
און עהרען־שטולען צוויי מאכט גרייט
אויףביידע זייט טעראסע;
און פאקלען מעהר צינדט אָן,
און בלומען מעהר פארשפרייט!

(צו אפּאָלאָדאָר'ען און שמעונ'ען.)

און איהר, געליבטע געסט, פארנעמט דעם עהרען־פּלאץ,
איך האָב אייך היינט בעשטימט צו זיין די עהרען־ריכטער,
נאָר נישט אויף א פערברעך וועט אייער אורטייל זיין —
איהר משפט'ן וועט היינט די קונסט און גוטען וויין.

צביה:

איך גלויב דער אורטייל וועט פון ביידען זיין געמילדערט.

שמעון:

און אויב עס איז ערלויבט, מיט וואָרט און קלאנג געשילדערט.

אפּאַלאָדאָר:

איך שטים אינגאַנצען איין מיט מיין געשעצטען געגנער
און בעט ערלויבעניש דעם טאַנץ מיט כאָר בעגלייטען.
זאָל יעדער אויסדריקען וואס איהם געפעלט אין טאַנץ,
אין וואָרט, געזאַנג, אין האַרפען־שפּיעל און פלייטען.

צביה:

איך גלויב, מיין טאַנצען וועט די מוזען אייך נישט ברענגען:
נאָר אייער ליד וועט מיך בעגייסטערן געוויס.
דאָס ערשטע ליד פון טאַנץ געהערט, אָ שמעון, דיר,
און ווייטער, ליבע געסט, בעזינגט, ווי איהר פאַרשטעהט.
(צו די דינער.)
דעם רויזען־קראַנץ דערלאַנגט און איך בין גרייט.

נעהמט לאַנגזאַם דעם קראַנץ אין האַנט און הויבט אָן שטיל, בעשיידען צו בעוועגען זיך ריטמיש פון איין פוס אויף דעם צווייטען, האַלב פאַרשעמט און ברוגז, ביי דעם שטילען געזאַנג פון שמעון'ס כאָר.

שמעון'ס כאָר:

שוין נעכטען געשניטען די פעלדער,
געבונדען אין גאַרבען די זאַנגען;
דעם קאָרן, דעם ווייץ און די גערשטען
אין שייער בעגלייט מיט געזאַנגען.
איצט גליהט שוין אין גאָלדענע פאַרבען,

אין פורפור א מאָרגען א נייער,
און דו ביסט נאָך אַלץ נישט געקומען,
מיין ליבער, מיין שענער, מיין טרייער.
איך בין אין דעם נאכט־טוי געשטאנען
און שלאָפיגע בלומען געריסען,
די ווינטען פון צפון און דרום
געבעטען, זיי זאָלען דיך גריסען.
געמיינט, דו וועסט קומען מיך וועקען
און וועסט אונזער האָניג געניסען, —
איצט בין איך פארשעמט פאר די ברידער,
און דיך וועט דאָס, ליבער, פארדריסען.
באלד קומען פון הארבסט יועט דער רעגען,
דער האסטינער מלקוש און יורה,
פארפלייצט וועלען ווערען די וועגען,
פאר פרעהליכע אינגלעך א מורא.
מיין טיר אָבער זיין וועט פארשלאָסען,
איך וועל דאָך דיין קלאפען נישט הערען,
דערפאר, וואָס דיך האָט נישט פארדראָסען
אויף מיינע פארגאָסענע טרערען.
און איצט וועל איך טאנצען און טאנצען,
עס זאָלען די ברידער נישט מיינען,
עס געהט נאָך דיר אוים מיין נשמה,
און רויט איז מיין פנים פון וויינען.
אָט קומט שוין מיין סטאדע צופליהען
פון יונגע און פרעהליכע ציגען,

מיין ליבער, אַ שוועסטער אַ צווייטע
ווי איך ועסטו קיינמאָל נישט קריגען.

אפּאָלאָדאָר׳ס כאָר:
האַסטיג, געפּאַסט צו צביה׳ס געשטייגערטען טראַט:

אָ, בעט מיר אוים דאָס בעט מיט ליינען
און ברענגט מיר גיכער קריג מיט ווייגען!
צושפּרייט ארום געווירצטע גראָזען
און נאָכדעם זאָלט איהר מיר פאַרלאָזען.
היינט וועט דאָ זיין אַ נאַכט פול פייער,
היינט קומען וועט צו מיר מיין טרייער.
מיט בשמים דופטען מיינע בריסטען,
פאַרהילט אין גאָלד־געשטיקטע טיכער,
די פיס געשמידט אין זילבער־קייטען,
דער טראָט זאָל זיין ביי זיי נישט זיכער.
אָט בויגען זיך ביי מיר די קניהען,
אָט ברעכט מיין קערפּער זיך אויף הינטען,
אָט פאַל איך הילפלויז אויף די ליינען,
נעבראָכען ווי אַ בלום פון ווינטען...

בעזוימט האָב איך מיין אויג אין שוואַרצען,
עס זאָל דער פלאַם דאָרט ווערען טיעפער
און שווינדלען איהם אין ווילדען טאַנצען,
גלייך ווי דער וועלען־גלאַנץ אַ שיפער

און מיט די הייס געווירצטע אָרעמס
וועל איך איהם דריקען, דריקען, דריקען,
פאר'שיכור'ט פון דעם ווילדען טאנצען,
פארברענט פון זיינע הייסע בליקען...

שמעון'ס כאָר:

(אריינפאלענדיג אין די לעצטע טענער פון קעגען־כאָר) :

אַ חודש אַ גאנצען געפלאָכטען דעם קאָרב
האָב איך מיט די אייגענע פינגער ;
די יונגע ערבות געשיילט און געקלאפט,
זיי זאָלען זיך אויספלעכטען גרינגער.
מיין טאטע געהיט האָט אין גאָרטען די פרוכט,
געשיצט זיי פון פויגעל און רויבער,
די מאמע געוועבט האָט פון וואָל מיר אַ קלייד,
וואָס שימערט און שיינט ווי אַ צויבער.
באלד קומען וועט יום טוב מיט גליק און מיט פרייד,
וועל איך מיט'ן טאטען צוזאמען
נאָך ציון זיך לאָזען, פארצירט אין מיין קלייד,
בעגלייט פון מיין טייערער מאַמען.
אין וועג וועל איך קיינעם נישט געבען דעם קאָרב ;
אליין וועל איך טראָגען די פירות...
מיין קלייד וועט זיך ווייסען און שיינען אין זון,
און דופטען מיין קאָרב וועט ווי קטורת.
און ווען איך וועל מערקען דעם מקדש פון ווייט,

וועל איך זיך פון שמחה צוטאנצען,
און טאנצענדיג וועל איך דערלאנגען דעם כהן
די פרוכט פון די היימישע פלאנצען.
אָ, טעכטער פון ציון, צי ווייסט איהר דעם סוד,
וואָס ריהרט און בעוועגט מיינע קניהען?
דער פאסטוך בן־עזרא האָט שטיל מיר פארטרויט:
מיין ליבסטער געפינט זיך אין ציון.

אפאָלאָדאָר׳ס כאָר:

די קריג פון וויין,
די קריג פון וויין
זיי זענען לער.
מיין פוס איז גרינג,
מיין טראָט איז פלינק —
מיין קאָפּ איז שווער.
מיין פוס דערוועגט,
מיין טראָט עררעגט
דער היים׳ בענעהר.
עס וועט מיין פלאם
דער טיעפסטער ים
נישט לעשען מעהר.
מיין קערפער בליצט, —
וואו ביסטו איצט,
אָ, שלאנקער מאן?

אין סאָד איז שטיל,
און מירטען פיעל
איז דאָרט פאַראַן.
איך וועל אין זיי
די לעדא זיין —
און דו דער שוואַן;
איך וועל אין זיי
די נימפע זיין —
און דו דער פאַן...

שמעון׳ס כאָר:

איך האָב דיך געזוכט אין די גערטנער פון ציון,
געפרעגט אין די מערק און די גאַסען.
עס האָבען פארשעמט מיך די נאַכטיגע שומרים,
בעגלייט מיך מיט זייערע שפּאַסען.
ביים טויער פון מקדש געוואַרט אויף דיין קומען,
געבלאָנזשעט אין אַלע פּרדסים;
איצט האָב איך דיך ווידער, מיין טרייער, געפינען
אין שאָטענס פון רוהיגע זיתים.
נישט קוק וואָס מיין פּנים איז דונקעל, דאָס האָט איהם
געצערטעלט די זון פון פריהמאָרגען;
און ווילסטו נישט גלויבען, דאַן זעה מיינע אויגען:
דאָרט ליגט נאָך איהר שימער פארבאָרגען.
דערפאר אָבער ווייס איז מיין וואָלענעם קליידעל,

און ריין איז מיין ליבע אין הארצען, —
און ווילסטו נישט גלויבען, דאן זעה מיינע אויגען:
ראָרט פינקעלט איהר טרער נאָך אין שווארצען.
נישט קוק, וואָס די פיס זיינען באָרוועס און שטויביג —
זיי זיינען נאָך פלינקער געוואָרען:
עס האָבען די ציגען געלערענט זיי טאנצען,
און שוועבען — דער ווינט אויף די קאָרן.
און ווילסטו נישט גלויבען, דאן וועל איך דיר טאנצען,
און זאָלען פון ציון די אינדרען
זיך לערנען דעם טאנץ פון די פרעהליכע ציגען,
דאָס שוועבען פון ליבליכע ווינטען...

א פ א ל א ד א ר ׳ ס כ א ר:

ווער קלאפט אין טיר,
ווער קלאפט אין טיר? —
מיין היים געליעבטער
קומט צו מיר.
עס זויגט די נאכט
אין זיך דעם קלאנג
פון זיינע טריט...
פון יעדען ריהר,
וואָס געבען טיר,
ווערט פורפור־רויט
מיין רויז צוגליהט...

מיין ליעבסטער געהט!
מיין ליעבסטער געהט!
א בשמים־דופט
פון פענסטער וועהט.
די מירטע ווינקט,
די מירטע רופט: —
דיין ליעבסטער געהט!
דער פלאם פון אייל־לאמפ שווייגט
און ציטערט, ווי ענטציקט...
מיין ווייסע ליליע ליגט
אין פליטער פיעל צופליקט.
עס האט מיין אונגעדולד
צוריסען שוין דעם קראנץ,
עס ציטערן די קניה
און רייסען זיך צום טאנץ.
אט עפענט זיך די טיר...
אט ווער איך באלד דערלייזט...
עס פלאמט מיר דאס געזיכט,
דאס בלוט אין הארצען ברויזט.
מיין אויג איז האלב פארדעקט,
מיין ברוסט איז האלב ענטבלויזט.
איך שוועב, איך שוועב צום טיר,
עס ציהט מיין האנד צו איהר.
די הייסע נאכט — זי שטומט...
מיין ליעבסטער קומט!...

שמעון׳ס כאָר:

ווער הויבט דאָס אויפ׳ן וועג
אַ לייכטען דינעם שטויב?
ווער וועקט די זאנגען אויף
און וואָרקעט, ווי אַ טויב?
ווער יאָגט זיך אויפ׳ן גראָז
מיט זומער־פויגלעך גלייך?
ווער שפּינעלט זיך אין גלאָז
פון שלעפערדיגען טייך?
ווער שרעקט די ציגען אָב,
וואָס פּאשען זיך ביים וועג?
און וועמעס קול׳כעל קלינגט
אין פעלד, ווי זילבער פריי?
ווער צערטעלט אזוי גוט
און גלעט אזוי געטריי?
דאָס קעהרט זיך צביה אום
פון ציון שוין צוריק
צום דערפעל, וואו עס ווארט
אויף איהר אַ שטילעם גליק.
צוזאמען מיט איהר געהט
דער ליבסטער און מיט פרייד
אין קליינעם אויער שטיל
איהר סוד׳עט ער אַ סוד.
זי ווערט אַ ביסעל רויט

און שיט מיט גראָז איהם אָב
און לעגט, פון ליבע מיר,
אויף איהם איהר יונגען קאָפּ.
ווי גוט איז אזא רוה,
פון קיינעם נישט געשטערט!
ווי גוט איז אזא רוה
אויף גאָט'ס געבענשטער ערד!

צביה

(שוועבט־צו טאַנצענדיג צום שטול, לאָזט זיך אַראָב אויף איהם מורמלענדיג)

ווי גוט איז אזא רוה...

דריטער אַרויסטריט

דער קאמף.

די דעקאָראַציע דיזעלביגע. אויפ'ן טעראַסע שטעהען צושטעלט טישען מיט נידעריגע לעהן־בענק, געבעט מיט ווייכע קישענס. אויף די לעהנבענק ליגען אין פארשידענע פּאָזעס מענער און פרויען, טרינקענדיג און פיהרענדיג צווישען זיך אַ שמועס. נעבען אַ בעזונדערן טיש, אָבגערוקט פון די איבעריגע, זיצט שמעון מיט זיינע פריינד, בעדינט פון בעזונדערע דינער.

צווישען די געסט זיצען צביה, אַפּאָלאָדאָר און בן־זבדיה. נעבען צביה'ן שטעהט אַ דינער מיט אַ לאָרבער־קראַנץ אין האַנט.

לויט בן זבדיה'ס אַ צייכען הויבט זיך אויף פון צווישען די געסט אפּאָלאָדאָר מיט אַ בעכער וויין.

אפּאָלאָדאָר:

עה־וואַ־העַ, עם פליהען פליטער,
רויזען טראָגען זיך אין לופט;
דורכ'ן מארמאָר געהט א ציטער,
און די פלייטע שטורמיש רופט...
צביה טאנצט, אין רויזען־קראנצען
שוועבען איהרע שלאנקע פיס;
טערפּסיכאָרע פיהרט איהר טאנצען
און בעגייסטערט זי געוויס,
ווי א מאָרגען־נעבעל ווינט זיך
אום דער טיול אין ראָזען שיין.
רייצענד דעקט ער אויף די קניהען
און ער הילט זי ווידער איין...
דאָ ערשיינען זיי, ווי זיילען,
וועלכע שטיצען ווענוס' הויז,
און דאָ פליהען זיי ווי פיילען,
בליצענד פון דעם טיול ארויס;
דאָ ווי שוים אויף בלאָהע וועלען
אין דעם טאַנץ פון וואסער־פאל;
דאָ פארגליווערט ווי א געמין
אויף א שטאָלצען פּיעדעסטאל.
צביה, צביה, אָ, ווי הע־ליך
מוז דער קערפּער זיין געוויס,
וועלכער שטיצט זיך און בעוועגט זיך

אויף אזעלכע געטער־פּיס!

שמעון (הויבט זיך אויף):

רייצענד איז דער פוס פון תאוה,
ווען אין ווילדען טאנץ ער בליצט;
ווירדיג טרעט דער פוס פון גאוה,
רוהיג, ווי פון שטיין געשניצט;
אָבער שענער, לייכטער, צאַרטער
איז דער פוס פול צניעות־פּראַכט,
ווען פון אונטער זיידענס ווייסע
שלייכט ער רוהיג און באזאכט.
אָ, איהר אינדינס, ציון׳ס טעכטער,
מיט די בליקען שווארץ און פייכט,
ועמעס פוס פון אייך איז קלענער,
און ווי צביה׳ס גרינג און לייכט?
ווען זי שוועבט אריבער גראָזען,
טרייסלענדיג דעם טוי פון זיי,
גלייך אַ ווינטעל וואָלט געבלאָזען
און בעריהרט זיי מיט זיין ווייה.
יעדער טראָט האָט זיין מעלאָדיע
פון געפיהל און הארץ בעלעבט;
צביה, דיינע טריט — זיי זיינען
פון דעם שטילסטען קלאנג געוועבט...

אפּאָלאָדאָר:

גלייך ווי וואָלקענס אין אַ שטורעם
שוועבען דיינע שווארצע האָר;
ווירדיג קוקט דורך זיי דער שטערן,
ווי סעלענעס פּנים קלאָר;
אויפגעעפעגט פול מיט פייער
בליקען דיינע אויגען צוויי,
אויף די באַקען פּאַלט דער פּורפּור
פון דעם בראַנד, וואָס פלאַמט אין זיי;
נאָר דער העלפאַנד־ביין־געשניצטער
נאָז — ער בלייבט ווי חרמון'ס שניי:
זיינע ווינקלען רעגט אַ ציטער
פון געגוס און ליבעס־וועה...
ע־וואַ־העַ, ווער האָט דעם שלאַנקען
מארמאָר־טורעם אויפגעלעבט?
צביה'ס האַלז בעוועגט זיך ריטמיש,
צביה'ס האַלז אין בלומען שוועבט.
און די יונגע ליליען־בריסטען
כוואַליען אויף דעם צאַרטען זייד.
צביה, ביסט די קרוין פון שענהייט
און די געטין פון דער פרייד...

שמעון:

אין דעם ווינט פון זונען אויפגאַנג

וויגט זיך אום אַ ליליע ריין;
ביי דעם מזרח ווינקט דער שטערן
פֿון פֿריהמאָרגען, פֿול מיט חן;
הינטער פּאַלמען רויזט דער הימעל,
רויטעלט אויף דעם טוי, וואָס פֿאַלט:
באַלד וועט ווערען גאָלדיג הייליג
אונזער ווייסע בלום בעשטראַלט.
צביה, דו פֿאַרמאָגסט די פֿאַרבען
פֿון דעם שטילען מאָרגען־בילד:
ווי די ליליע ביסטו זויבער;
ווי דער שטערען שיינסטו מילד;
ווי דער טוי איז פֿריש דיין קערפּער;
ווי די לופֿט דיין אָטעם שמעקט,
און די לוסט — זי לייכט און וואַרימט,
ווי דער ערשטער שטראַל וואָס וועקט...

אַ פּאָלאָדאָר:

שטייגט דאָס וועגוס איצט פֿון וואַסער?
אָדער פֿאַלט דאָס עס' ליכט
אויף אַ ווייס געשניצטען מאַרמאָר,
און מיר טרוימט זיך דיין געזיכט?...
צביה, ביסט אַ וואונדער־וואַזע,
אויסגעשניצט פֿון העלפֿאַנד־ביין;
ביי דעם ראַנד בעצירט מיט עבען

מיט אַ בונטער רויזען־קרוין.
ווער בעשענקט איז פון די געטער,
דער געהערט זיי אונבעוואוסט.
צביה, צביה, דיאָניסוס
דרעמעלט אויף דיין יונגער ברוסט.

שמעון (שטיל ווי פאַר זיך):

מילך און האָניג טריפען דיינע ליפען;
טיפע ליבע שטראַלט פון דיינע אויגען,
און דיין אָטעם שמעקט מיט פעלד־געווירצען.
נעלקען טריפען דיינע ליליען־פינגער.
אָ, ווי גוט די ליפען איז צו זויגען
און די זעל אין טיפען בליק צו שטירצען!
קושען שטיל די ליליען־צאַרטע פינגער
און צו זיין דיין איינציגער בעזינגער;
פאסען דיך צווישען אַלע שטערען;
ליבען טיף און טיפער נאָך בעגעהרען,
ריין פון שווערע זינדיגע בעגעהרען
גלייך דער זון, דעם הימעל און די שטערען...

אַפּאָלאָדאָר (געררייצט):

ע־וואָ־העו! די כוסות גליהען
און צום טאַנץ די פלייטע רופט.

װעמען כראַניאָן בױגט די קניהען,
יענער פֿיהלט קײן רױזען־דופֿט.
יונגענד ציהט מיט פעסטע װאָרצלען
פֿון דער ערד איהר פעסטען זאַפט;
ערדיש איז דעם מענשען׳ס שענקײט,
ערדיש איז דעם מענשען׳ס קראַפט.
ע־װאָ־הע! װער בליהט אין שרון,
יונג און זאַפטיג, פריש און קלאָר?
באַכוס, צביה, װערט פאַרשיכורט
פֿון דעם דופֿט אױס דײנע האָר...

ש מ ע ו ן (װי פֿאַר זיך):

שטילער, ליד, אנטשטום אין האַרצען,
װאַרט אױף צביה׳ס ליבען בליק.
אין אַ לײכטען זײד אַ שװאַרצען
דרעמעלט דאָרט אַ טיפֿעס גליק.
ציה אָן פערל אױף אַ שנירעל,
פֿון דעם פֿײנסטען גאָלד געװעבט,
פערל־װערטער גאָלד־געהאַפטע,
נאָר פֿאַר איהר אַלײן בעלעבט.

אַ פּ אָ ל אָ ד אָ ר:

דײנע אױגען — נעכט צװײ הײסע,

טרוימען פון א לאָרבער־וואַלד;
איינגעהילט אין פלאַראַ׳ס גאָבען,
פון סעלענעס ליכט בעשטראַלט,
שלאָפט א נימפע: איהרע גלידער
צערטעלט, גלעט א סאַמעט־גראָז;
פון דער ווייטען קלינגען לידער, —
פאַן, דיין פלייטע איצטער לאָז!
ניין, סעלענע וועט נישט מערקען,
פלאָראַ׳ס גאָבען זענען פיל;
הינטער פייכטע לאָרבער צווייגען
גנב׳עט פאַן זיך אין דער שטיל.
נימפע׳ס ברוסט בעוועגט זיך האסטיג,
עראָס׳ פארב איהר פנים צינדט,
און דער שמייכעל אויף די ליפען
רופט און לאָקערט, ציהט און בינדט...
דיינע אויגען — נעכט צוויי הייסע;
פול מיט תאוה, פול מיט גלוט.
פאַן־ און נימפעס צויבער קוקט דאָרט
אין יהודה׳ס הייסע בלוט...
אָ, ווען נישט די לאַנגע ברעמען,
ווער וואָלט ביישטעהן דיר געקענט?...
זייער שאָטען שיצט פון פייער
און איך בין נאָך נישט פארברענט.

(זעצט זיך מיד.)

שמעון:

אויגען זיינען דימענט־שויבען,
יואו דעם מענשענס זעלע בליקט.
־יינע אויגען זיינען טויבען;
ווער עס זעהט זיי איז בעגליקט, —
גרויס און אָפען, ווי ביי לאנען,
פייכט פון ליעבע, זאנפט פון הארץ,
לייכט פארשלייערט פון רחמנות
און פון טיפע סודות שווארץ.
רוהיג שטראַלען זיי פון אונטער
זייד געוועבטע ברעמען צוויי,
לאנגע פאַרהאנגען פון צניעות
און פון שטילען ליבעס־וועה.
די וואָס האָט אזעלכע אויגען,
־י איז פולקאָם אין איהר פראַכט,
דער נעהערט פון טאָג די אכטונג
און די ליבע פון דער נאכט...
(בייטענדיג דעם טאָן.)
שטילער ליד, אנטשטום אין הארצען,
ווארט אויף צביה׳ס ליבען בליק.
אין אַ לייכטען זייד אַ שווארצען
דרעמעלט דאָרט אַ טיפעם גליק.
ציה אָן פערל אויף אַ שנירעל,
פון דעם פיינסטען גאָלד געוועבט,

פערל־ווערטער נאָלד געהאפטע,
נאָר פאר איהר אליין בעלעבט...

צ ב י ה (צו אפּאָלאָדאָר׳ן):

איהר האָט מיך פיעל בעצירט
און פראכטפול מיך בעזונגען,
נאָר אייער ליד האָט נישט
מיין מיידעלש הארץ בעצוואונגען.
איהר האָט מיין זעל צעטיילט,
איהר קענט א העלפט נאָר ליבען, —
מיין מיידעלש־יונגע זעל,
זי איז דאָך גאנץ געבליבען...
דאָס זעלבע הארץ פון גלות
איז אויך דאָס הארץ פון טרערען,
און מיט דעם הייסען בלוט
קאָן איך א תפילה הערען.
מיין קוש איז הייס און דאָך
קאָן שטיל מיין ברוסט פארווינען,
און אין מיין שטורעם ליד
קלינגט אָפט א צארטער ניגון.
עס לאָזט יהודה׳ס לאנד
דעם מענשען׳ס הארץ נישט צאנקען:
זיין אָטעם רעגט דאָס בלוט,
זיין הימעל וועקט געדאנקען.

דער וויסטער מדבר־זאַמד,
די פרישע גרינס פון שרון —
זיי ביידע זיינען שטיל
אין מיר בעהעפט געוואָרען.
אפּאָלאָדאָר, נישט דו
פארשטעהן וועסט די נשמה,
וואָס דינט צום גרויסען נאָט
פון ליבע און נחמה.

צו שמעונ׳ען

דיר, שמעון, קומט דער קראַנץ:
דיין ליד האָט מיך געפאנגען,
כאָטש שטיל און נישט געצירט,
דאָך ברידערליבע קלאנגען.

צערונענע טרוימען

פראַגמענט פון דער פּאָעמא די חסידישע טאָכטער.

I.

וואָס קען איך דיר, טייערע, געבען אַלס דאַנק,
וואָס קען דיין נשמה בעגליקען ?...
איך ווייס: דו האָסט בעסערס געזעהן אין דיין טרוים,
און מיינער וועט דיך נישט ענטציקען.

ווען איך וואָלט א קעניג געוועזען, וואָלט איך
בעפעהלט דיר א פּאלאץ צו בויען;
דאָרט וואָלט איך אין שטילע און ליכטיגע נעכט
מיין הייליגסטען טרוים דיר פאַרטרויען...

דער פּאלאץ וואָלט עהנליך געוועזען אויף דיר:
פון דרויסען ריין קלאַסישע ליניען,
אין זעלע — א צויבער פון טויזענד איין נאכט,
מיט הייסען פאר'חלומ'טע זינען.

די ווענד — פון דעם רוהיגסטען מאַרמאָר געהאַקט,
מיט זייליגע שלאַנקע פּאָרטאַלען;
דאָך אינווייניג וואָלט מאַוריטאַניש געפּוצט
געוועזען די הימליבע זאַלען.

די ווענד וואָלט איך אַלע אין צערטליכען אַרט
פאַרצירט מיט בלאָס־פאַרביגע רויזען,
די פענסטער געשניצט, גלייך ווי שפּיצען אין שטיין —
זיי וואָלטען דעם פּאַרק דיר ענטבלויזען.

אַ לופטיגער נעץ אַראַבעסקען וואָלט הויך
דעם הערליכען באַלקען בעצווייגען;
דאָרט וואָלט איך אין פלאָנטער פון פלאַנצען און טיער
געפאַנגען די טרוימענדע אויגען...

די טירען — פון עבען און עלפאַנט־ביין־פּוץ,
פון לייכטען מאָזאַיק דער באָדען.
און אַלעס וואָלט זיך פון די פּאַלמען אַרום
אין גרינליכע שאָטענס געבאָדען.

אויך קלאָרע באַסיינען געוועזען וואָלטען דאָרט,
און וואונדערליך שטילע פאָנטאַנען,
וואָס וואָלטען געזיפּט מיט אַ דופטיגען טוי
אויף פליושענע גרינע דיוואַנען.

אויף פריינדליכע זאָפעס פון דונקעלען סאַמעט
געוויסט וואָלטען זיך דיינע גלידער...
האַרביי וואָלטען מיידלעך אויף ציטרען געשפּילט,
און רוהיג פאַרוויגט דיך מיט לידער...

און ווען דיר וואָלט נאָכדעם דערעסען דאָס אַלץ
און לאַנגווייליג וואָלט דיר געוואָרען, —
דאַן וואָלטען מיר, ליבסטע, צו גאַסט אויף אַ צייט
צו פעטערס און מומעס געפאָהרען".

אַזוי האָב איך שטיל ביי מיין ליבסטער געטרוימט,
ווען זי איז ביים שפּיגעל געשטאַנען,
די הענד איהרע האָבען גערוהט אויפ'ן קאָפּ,
ווי העלזער צוויי ווייסע פון שוואַנען...

„דו טרוימסט ווי אַ לעטוואַך אין שלעכטער מאַניר:
דאָס גוטע אין מיאוסע פאַרשפּונען;
דיין שלעכטע איראָניע האָט אַלעס צערשטערט,
דיין חלום איז קלעגליך צורונען."

אַזוי האָט מיין ליבסטע פאַרדריסליך געזאָגט,
פון שפּיגעל זיך ווענדענדיג האַסטיג.
און פּלוצלונג האָט אַלעס פאַרלאָרען ביי איהר
די שטרענגע און רוהיגע פּלאַסטיק.

די לענגליכע פינגער געדריקט צו די האָר
אין האַלב נאָך געווענדעט צום שפּיגעל;
די אַרבעל פון ראָזיגען זיידמאַטערנע
בעוועגט האָבען לייכט זיך ווי פליגעל.

ווי פֿליגעל, ווי ווייסע, פֿון מאָרגען בעשטראַלט,
אין ריטמישען פּאַכען און שוועבען,
און פּלוצלונג האָט איינס פֿון די פֿליגעל מיר שטיל
אַ גלעט אויפֿ'ן שטערען געגעבען:

„דו ביסט מיר אַ שלעכטער און מעהר נישט געניג,
איך וויל דיינע טרוימען נישט הערען.
און וועסטו מיר ווייטער נאָך זיין אַזוי קלוג —
אַ חבר וועל איך מיט דיר ווערען...

איך דאַרף נישט די טרוימען: איך האָב זיי געניג,
איך בין מיט זיי זאַט שוין אין לעבען.
אגב פֿלעגט דער טאַטעשי שענער פֿון דיר
די מעשיות דערצעהלען פֿון רבי'ן.

און ביסטו עס ווירקליך דער איינער, וואָס ווייס
די חסידישע טאַכטער צו פּיהלען,
האָן מוזטו זיך, ערשטענס, ענטזאָגען פֿון וויץ,
פֿון קונסט, ווי אין ליבעס צו שפּילען.

מיר זענען געפֿעהרליך, ווי פֿוריען אין שפּיעל,
און זאַנפֿט, ווי די טויבען אין ליבען:
מיר ברענען, ווי אָפּפֿער אין היילינגען פֿלאַם,
און רויבערען שרעקליך אין טריבען...“

II.

„מיר זיינען געפערליך ווי פוריען אין שפיל,
און זאנפט ווי די טויבען אין ליבען:
מיר ברענען ווי אָפּפער אין הייליגען פלאם,
און רויבערען שרעקליך אין טריבען...“

דאָס זיינען די ווערטער, וואָס האָבען מיר לאנג,
אונענדליך אין אויער געקלונגען;
מיט טויזענדער שטימען גע׳סוד׳עט, גערעדט,
מיט טויזענדער טענער געזונגען.

דער רויש פון די ווארשעווער גאסען האָט נישט
געקענט אָט די קלאנגען פארשטומען.
איך האָב זיי געהערט אויף דער רוישיגער טאס,
איך האָב אויפ׳ן פעלד זיי פארנומען.

זיי האָבען געלאָקט מיך פון יעטווידען הויז
מיט שווארצע און בארענדע אויגען,
מיט שטאָלצע געזיכטער, מיט צערטליכע הענד
און זאפטיגע ליפען געצויגען.

אַך, יענע בת מלכה, וואָס איך האָב געטרוימט,
בעקומען האָט טויזענד געשטאַלטען.
איך האָב זיך אין איינזאַמער שול נישט געקענט
פון לאַקענדען צויבער בעהאַלטען.

איך האָב זיי געזעהן אויף א וואַרשעווער באַל,
אין וואונדער־בוקעטען געקליבען;
זיי האָבען מיט זיידענס און סאַמעט גערוישט:
מיר רויבערען שרעקליך אין טריבען.

אָט דאָס איז געוועזען א רויבערען, גאָט,
איך וועל דאָס נישט קיינמאָל פאַרגעסען!
זיי זיינען, ווי גיפטיגע בלומען ארום,
אין בונטע קאָסטיומען געזעסען.

דער מאָן האָט זיין אָפּיום בעהאַלטען געשפּרייט,
איהר גיפטיגען אָטהעם די ליליע,
מיט דינע און צערטליכע דופטען גע'סמ'ט
מיין זעל האָבען מאַי־גלעקלעך שטילע.

פיאַלקעס, רעזעדאַ, בעשיידען און היים,
אין דונקעלע היימליכע לאָז'ען —
זיי האָבען פון יונגע, נאָך קנאָספּיגע בריסט
די גיפטיגע דופטען צעלאָזען.

און רויזען און רויזען פון אלערליי ארט,
מיט ווילדע און צערטליכע דופטען —
זיי האבען פון רייצענדען באלדעקאלטע
צעשפּרייט זייער גיפט אין דער לופטען.

לעם מיר אויף א זאַפע געזעהן האב איך צוויי,
אין פרעמדע פּיקאַנטע קאַסטיומען;
זיי האבען פאר'חלומ'ט געקוקט אינ'ם זאל,
ווי שעהנע עקזאטישע בלומען.

די ערשטע איז שלאנק און געשמיידיג געווען,
מיט אויגען צוויי מיסטישע, גרויסע —
זיי האבען האלב־אפען געקוקט אינ'ם זאל,
ווי אווענדס צוויי טראָפּישע הייסע.

די ברעמען — זיי האבען צוויי שאָטענס געלייגט
אויף איהרע בלאס לענגליכע באקען.
געהיים און פארפיהרעריש האט זיך געוויסט
פון דונקעלע לאָקען איהר נאקען.

דאָס קלייד איז געוועזען פון ים־גריננעם פארב
געכוואליעט אין טויזענדער פאלבען.
ווי מילך־ווייסער שוים האט געוויסט זיך אויף זיי
איהר ברוסט און געדופטעט מיט זאלבען.

פאַרוואָרפֿען אַ פֿוס אויף אַ פֿוס איז זי שלאַנק
האַלב־זיצענד אין זאַפֿטע געלעגן,
און פּלוצלונג האָט שנעל זיך דער גרינגליכער ים
גענומען אין כוואַליעס בעוועגן.

און איך האָב דערזעהן: ווי פֿון מאַרמאָר געשניצט,
אין שוואַרצע דורכזיכטיגע שטרימפֿען,
צוויי שלאַנקע בעוועגליכע מיידעלשע פֿיס,
ווי יונגע צוויי שפּילענדע נימפֿען.

אויף טופֿליעס צוויי ווייסע פֿון סאַמעט און האַפֿט
האָט זי אין אַ וואַלס זיי צעטריבען.
און איך האָב אין וויכער איהר שטימע דערהערט:
„מיר רויכערען שרעקליך אין טריבען...“

די צווייטע איז, גלייך ווי אַ צייטיגע פֿרוכט,
אין בלומיגען אַטלעס פֿאַרזונקען.
האַלב־ליגענד פֿאַר'חלש'ט, פֿון ווייכען געוועב
מיט גאַרענדע גלידער געוואונקען.

די לאָקען, ראַקאָקאָ געטורעמט אין הויך,
דאָס פּנים געפּודערט פֿון פערלאַנגען,
די ליפּען האַלב אָפֿען און גליהענד ווי קויל —
זיי האָבען געלאָקט ווי מיט צוואַנגען.

א ברוסט־טוך פון טיול האט איהר בוזעם פארהילט,
אויף וועלכען איהר האנד איז געלעגען,
נאר אפט מיט צוויי לייכטליכע פינגער פלעגט זי
די ראז־בלאסע סודות ענטפלעקען.

איהר אטעם האט דופטיג און פלאמיג בערוישט,
און אלע געדאנקען פארטריבען;
די אויגען נאר האבען האלב אפען געבליצט:
„מיר רויבערען שרעקליך אין טריבען...“

לעם מיר איז געזעסען פארקלערט דיכטער איקס,
און טרויריג בעטראכט די געשטאלטען;
זיין קינסטלעריש אויג האט געפונען אין זיי
דעם אידישען טרויער בעהאלטען:

„דערקענט איהר נישט, איינהארן, שוועסטער פון אונז,
צוויי פראכטפאלע אידישע טעכטער?
אט זעהט פון האלב־אפענעם בליק, ווי עס קוקט
דער אידישער צער, ווי א וועכטער.

איהר ווייסט, ווען איך זעה זיי — דאן הער איך פון ווייט
דעם ניגון פון שכינתא בגלותא.
די ערשטע וואס טאנצט, דאס איז שבתי צבי׳ס ווייב,
די מיסטישע לוסט־מטרנותא.

די צווייטע, וואָס ליגט אינ'ם אטלעס פארהילט
און ברענט אזוי פאַרנעם און ערעל —
האָט געווארט אויף איהר ליבענדען פוילישען גראף
א יונגע פראַנקיסטישע מיידעל.

יא, ליבער, זיי זיינען פון פאָלק שוין אוועק,
זיין גייסט אָבער איז זיי געבליבען:
זיי ברענען, ווי אָפּפער אין הייליגען פלאם
און רויבערען שרעקליך אין טריבען..."

III.

— ...„שווארץ בין איך, א טאָכטער פון ציון, דאָך שעהן
א בלום פון די זוניגע לענדער.
ווי קדר'ס געצעלטען איז דונקעל מיין חן,
מיין לייב איז ווי שלמה'ס געווענדער.

עס האָט מיך פאר'שחפ'עט די זון, ווען איך בין
געשטאנגען די וויינגערטנער היטען,
די גערטנער די פרעמדע — זיי האָב איך געהיט,
און מיינעם — איהם האָב איך געמיטען.

אָ זאָג מיר, מיין ליבסטער, וואו טרייבסטו די שאָף?
וואו רוהסטו נאָך מיטאָג, מיין ליבער?
פאר וואָס זאָל איך אומעדום פרעגען אויף דיר
און פלאטערן, גלייך ווי אין פיבער?"

— „אָ טרייע, דו טרייב נאָך די טריט פון די שאָף
דיין פרעהליכע סטאדע פון ציגען,
אהין, צו די זאפטיגע לאָנקעס פון טאָל,
אויף וועלכע די פאסטוכער ליגען.

עס רויטלען, מיין טרייע, די באקען ביי דיר,
ווי עפּעל פון די זילבערנע ביימען;
דאָס שנירעל קאַראַל — עס בליהט אויף דיין האלז,
אַזוי ווי אַ קרענצעל פון קוויטען."

— „אַ בינטעל פון מור איז מיין ליבסטער ביי מיר —
צווישען די בריסט מיינע רוהט ער —
אַ הענגעל פון טרויבען איז ליבסטער ביי מיר —
אין עין גדי'ס וויינגערטנער גליהט ער."

— „שעהן ביסטו, מיין טרייע, און ליבליך און צאַרט,
די אויגען ביי דיר זענען טויבען."
— „שעהן ביסטו, מיין ליבסטער, און הערליך און שטאַרק,
די אָרימס ביי דיר זיינען לויבען.

די צווייגען — זיי גרינען ביי אונז אויפ'ן בעט,
דאָס הויז איז פון מעכטיגע צעדער.
פון ציפּרעסען האָלץ איז דער באַדען געבעט,
די לופט איז פון בליהענדע סעדער..."

*
*   *

ווער וואַרקעט מיר צערטליך פון ליעדער דאָס ליעד
און וויגט מיך אין שטראָם פון די טענער?

א ריח פון לאָנקעס מאַכט דופטען די לופט,
מיין גאָרטען ווערט ריינער און שעהנער!

דאָס האָט זי, מיין ליבסטע, אין צימער ביי איהר
אין איינס פון די פרייטאָג צונאַכטען
געפּרובט אין דער פרעמד מיט א בילד פון דער היים
ערפרישען מיין גייסטיגען שמאַכטען.

איצט שטעהט זי א שלאַנקע, איז ווייסען פאַרקלייידט,
און צינדט אָן די ליכט אין די לייכטער.
עס שיינען די אויגען מיט רוהיגען פרייד,
אין הארצען ווערט ברייטער און לייכטער...

אזוי לייכט די מלכה פון שבת ביים שוועל,
בעגלייט פון דריי גאָלדענע שטערען.
אזוי שטראַהלט די שכינה אין שעה פון דער טרייסט,
אין שטילען ערלייזונגס־בעגעהרען...

אזוי איז די הייליגע „הירטין" וואָס רוהט
אין דופטענדען „פעלד פון די עפּעל"...
אזוי געהט דער מאָרגען־רויט אויף, אויף דער וועלט
אין ראָזיגען גאָלדיגען נעפּעל.

אין חדר ווערט טונקעל, די ליכט פלאַמען אויף,
דער טישטוך ווערט קלערער און העלער,

עס פינקעלט אין פורפור דאָס פלעשעל מיט ווײַן,
עס שפּיגלען זיך רוהיג די טעלער.

די חלות — זיי ליגען געהייליגט פארדעקט —
אָן אײנפּאַכע גאָב פון די מענשען.
אין שטוב שוועבען אום׳עט מלאכים פון פריד
און בענשען און בענשען און בענשען.

— „ווי שלאַנק ביסטו, ליבסטע, אין זייד־ווייסען קלייד,
וואָס פאַלט אין מאַיעסטעטעשיע פאַלבען!
אזוי נאָר קאָן רוהיג אַ קיניגען שטעהן
אין פורפורנעם קלייד פאַר׳ן זאַלבען!

— „אַ זאָג מיר ווער האָט דיר פארצויבערט דיין פּראַכט?״
— „דער הייליגער שבת, מיין טרייער,
די חסידישע טאָכטער ברענט וואונדערליך העל
אין ריינעם און הייליגען פייער.״

אזוי האָט מיין ליבסטע מיר פריינדליך געזאָגט
און שנעל פון׳ם צימער פארשוואונדען,
נאָכדעם ווי איהר קוש אויף די ליפּען ביי מיר
האָט פּלוצלונג די פלאַמען צעצונדען.

דער מלאך פון טרוימען האָט שנעל אויפ׳ן פלאַם
געטריקענטע בלומען צעשאָטען,

און אויפגעבליהט האָבען זיי וואונדערליך שען
אין שפּיל פון׳ם ליכט און די שאָטען.

דאָס זיינען געוועזען די בלומען פון טרוים,
וואָס ליגען געהיים אין זכרון:
די קנאָספּען פון חדר, די בליטהען פון היים,
די בלומען פון קינדישע יאָהרען.

א פרעכטיגער גאָרטען, א סודות׳דיג׳ פּארק
פון שטילע פּאנטאַנען און קוואַלען —
דאָרט וויגט די בעריאָזע איהר לאָקיגען קאָפּ,
און ס׳חלש׳ט די פּאַלמע אין שטראַלען;

דאָרט סוד׳ען די סאָסנעס פון ליטא פארטראַכט,
און ס׳רוישען פון חרמון די צעדער;
דאָרט שפּרייטען אָראַנזשען אין לופט זייער דופט,
און ס׳בליהען די ליטווישע סעדער;

דאָרט שפּיגעלט דער ניעמאַן אין וואַסער ביי זיך
פון גראָדנא און קאָוונע די היגעל;
דאָרט טובל׳ט די מויערען טבריה די שטאָדט
אין בלאָהען כנרת׳שען שפּיגעל.

און דאָרט, אין דעם שטילען פארצויבערטען פּארק,
שפּאַצירען די הערליכסטע פרויען —

די טעכטער ישראל׳ס, די וועלכע איך פלעג
אין יוגענד מיין ליעבע פארטרויען.

אט זעה איך א זומערדיג פרייטאג צונאכט:
אין קלויז איז עס פייערליך ליכטיג,
עס ברענען די בליץ־לאמפען מונטער און העל,
דער פאל איז געוואשען און ציכטיג;

די ווענד זיינען נאר וואס געקאלכט און בעמאלט,
דער אלטער פרכת פון ארון
הענגט ערענסט און רוהיג, בעהאלטענדיג שטריינג
דעם סוד פון אומענדליכע יאהרען;

דעם עמוד בעלייכטען צוויי רייהען פון ליכט,
עס גלאנצען פון מזרח די בילדער,
דער לייב זעהט אוים שטארקער, גראציעזער דער הירש,
די טויבען — נאך צארטער און מילדער.

דאס פענסטער איז אפען — איך דאווען לעם איהם
און לאז מיך פון נאכט־ווינטעל גלעטען.
עס גיסט זיך מעלאדיש פון חזן די שטים
אין בענקענדען רוהיגען בעטען.

פון יענעם זייט טייך וויהט א ריח פון היי,
עס פינקלען פון הימעל די שטערען,

די וואסער־מיהל רוישט אין דער שטילקייט פון נאכט,
עס לאָזט זיך א פלייטע וואו הערען.

עס גיסט זיך דער מורמלענדער מעריב פון קלויז
און וועקט אויף א הייסען פערלאנגען.
מיר דוכט, אז שולמית — זי ווינקט פון דער ווייט
און ציהט מיך מיט מעכטיגע צוואנגען.

א רויזען־פעלד בליהט וואו פאר טויזענדער מייל —
דאָרט ווייהען די אמת'ע בשמים.
דער טייטעל־בוים צייטיגט, דער עפּעל־בוים שמעקט,
און ס'רוהען אין נאכט־טוי די כרמים.

דאָרט זיצט זי צווישען הדסים און וואַרט
ביים ברעג פון א קוואל אויף מיין קומען,
די בריסט איהרע קוקען ארוים פון'ם העמד,
ווי נישט קיין צעוויקעלטע בלומען.

מיט וואסער־ליליען פארפלאכטען די צעפּ,
איהר שטערן בלייבט הארציג אין דונקעל,
עס רויזען די באקען, עס פערלען די ציין,
דער בליק איהרער שיינט ווי קארפינקל.

אָט, דוכט מיר, זי נעמט מיר ארום'עט דעם קאָפּ
און סוד'עט: מיין ליבער, מיין טרייער!

די חסידישע טאָכטער ברענט וואונדערליך העל
אין ריינעם און הייליגען פייער."

פארשוואונדען דער חלום... און שנעל אויף זיין אָרט
קומט ווידער א חלום א צווייטער...
אָט הער איך: עס שטורעמען כוואליעס פון ים,
עס שפרייט זיך א מדבר, א ברייטער;

און איבער איהם טראָגט זיך א שלאַנקע געשטאַלט
און פאָכט מיט א פויק אין דער לופטען,
דאָס פנים איהרס פלאַקערט אין טיפען עקסטאז,
די קליידער — זיי שמעקען מיט דופטען;

די אויגען געשלאָסען, צופלאַטערט די האָר,
עס העפט זיך דער זייד צו די גלידער,
עס יובעלט איהר שטימע אין יונג־פרויען־כאָר
און טראָגט זיך אין מעכטיגע לידער,

עס שטורעמט, עס רוישט און עס ווירבעלט דער ים
מיט טויזענדער מעכטיגע טענער,
עס פלאַקערט די זון ווי א גאָלדענער פלאַם,
עס ווייהען אין לופטען די פעהנער,

עס בליצען די שווערדען, די מחנה — זי בלאנקט
פון פאנצערס און שניי־ווייסע העמדער.

עס בלאָזען די שופרות, עס יובעלט דאָס פאָלק,
עס שטויבען פון מדבר די זעמדער.

דאָך איבער אַלץ טראָגט זיך איהר פריידיגעס ליד,
איהר שטימע בעהערשט אַלע קלאַנגען,
עס ברויזט, ווי דער ים, און עס פלאַמט, ווי די זון,
דאָס ליעד פון די פרייהייטס־געזאַנגען.

אָט קומט זי אַלץ נעהנטער, אָט שטעהט זי לעם מיר,
אָט קוש איך דעם זוים פון די קליידער.
עס ווערען פארשוואונדען די ליכט און דער טיש,
די ווענד און די מעבעל פון חדר.

איך זעה איהרע אויגען געווענדעט צו מיר...
אָט, דוכט מיר, זי וויל מיך בעריהרען...
— „אָ, מרים הנביאה, איך געה נאָך דיין רוף,
איך פאָלג דיך וואוהין דו וועסט פיהרען!“

אָט, דוכט מיר, איך שפּרייז פול מיט ליבע נאָך איהר,
און עמיצער סוד'עט מיין טרייער:
„די חסידישע טאָכטער ברענט וואונדערליך העל
אין ריינעם און הייליגען פייער“.

*
* *

דער שנור פון די טרוימען האָט פּלוצלונג געפּלאַצט.
מיט לאַנגזאַמע טריט אין׳ם חדר
איז ווידער מיין איינציגע, טרייע אריין
אין שוואַרצע און זיידענע קליידער.

די בלוזע געווען איז פון גרויזדונקעל זייד,
מיט נאַכט־שוואַרצע שפּיצען בעפּליטערט.
א גרויסער ברילאַנט, ווי א קינדישער טרער,
האָט ריין אויף איהר בוזעם געציטערט.

א שנירל פון פּערל האָט צערטליך איהר האַלז
בעזוימט מיט א מאַטאָווען שימער.
די לאָקען — זיי זיינען געלעגען פאַרטראַכט,
בעהויכט מיט א בענקענדען קימער.

פון זיי האָבען וואונדערליך קינדיש געקוקט
צוויי אויערען ווייסע און קליינע,
מיט דימענטען רונדע, וואָס האָבען געבליצט
ווי טראָפּענס פון מאָרגען־טוי ריינע.

דאָס פּנים געוועזען איז ערענסט און ווייך,
די ליפּען האַלב־שמייכלענד אין טרויער,

די אויגען די גרויסע פארנעפעלט מיט זארג,
פארהילט מיט א זיידען שלייער.

אזוי נאר שפאצירט אין איהר איינזאמען פארק
א שטאלצע, פארלאזטע פרינצעסין.
אזוי נאר קען טרעטען א קעניגען שטיל,
פון פאלק און פון קעניג פארגעסען.

— וואס האט דיך, מיין טריינע, בעטריבט אזוי שטארק?
ווארום ביסטו ווידער אין שווארצען?
— דער טומעל פון גאס און דער ווירבעל פון מארק
און ס'אייביגער נאגען אין הארצען.

— „יא, ליעבער, ענטשולדיג, איך האב איצט צערשטערט
ביים אידישען דיכטער די טרוימען,
עס צאנקען די ליכט שוין, עס איז נישט בעשערט
צו שאפען דיר רוהיגע רוימען.

דער אמת'ער שבת — ער קומט נישט אין פרעמד,
דא ווייזט ער זיך נאר ווי א חלום.
ביים טאטעשי, ליבער, דארט שוועבען זיי אום —
די אמת'ע מלאכי־השלום.

דאך דאגה נישט, ליבער, איך בלייב דא מיט דיר
און בוי דיר א היימאט א נייער:

די חסידישע טאָכטער ברענט אומעדום העל
אין ריינעם און הייליגען פייער".

דערביי האָט זי שטיל מיר אומארעמט דעם קאָפּ
און צערטליך געגלעט מיר דעם שטערן.
דער גרויסער בריליאנט אויף איהר בוזעם האָט העל
געלויכטען צו מיר, ווי א שטערען.

אין פאַר׳כישופ׳טען קרייז

עס רינגלען ׳מיך אַרום אַ קרייז פון שעהנע פרויען,
פאַרשידען אין געשטאַלט, אין פּאָזע און אין קלייד.
און אַלע זענען גרייט מיר פריי זיך צו פאַרטרויען,
ערפילען מיין פערלאַנג אין אַלע אַרטען פרייד.
דאָך וואונדערבאַר, אין שיין פון ראָזען תאוה־ליכט
פאַרמאָגען אַלע גלייך דיין צניעות׳דיג געזיכט.

אַט וויגט זיך פריי פאַר מיר ׳אַ יונגע באַיאַדערע.
איהר קערפער, ווי אַ ׳שלאַנג בעוועגט זיך ריטמיש שטיל,
און פון דעם בונטען שמוק און ברוינעם גלידער ׳שפּיל
צופלאַקערט זיך אַרום די גאַנצע אַטמאָספערע.
אַט וואַרפט איך זיך צו איהר, אַט קוש איך זי און דריק —
נאָר פלוצלונג ׳שיינט ׳מיר אויף דיין צניעות׳דיגער בליק.

דער גאָלד־שמוק אויף די בריסט פערוואַנדעלט זיך אין טיכער,
די פאַלבען פאַלען שטרענג און הילען אַלעם איין,
די ליפּען זיינען פול און פעסט געדריקט אין פיין,

און שטיל פארגליווערט רוהט הער שווארצער לאקען־וויכער.
נאך פלאטערענד אין פלאם פון ערשטען תאוה־בריה —
שוין פאל איך בעטעטדיג צו איהר אויף מיינע קניה.

און ליגענדיג ענטציקט פאר די פארהילטע גלידער,
אין שטרענגען נאנען־קלייד, אין שווארצען קאלטען טוך
בעהאלטען מערקט מיין אויג דיין קליין געטאקטען שוך
און ס'איינגעצוימטע לוסט בעהערשט מיין תפלה ווידער.
און ווידער זעה איך זי נאך מיידעלש אונבעוואוסט,
זיך נויגענדיג צו מיר אין האלב ערוואכטער לוסט.

דאס שווארצע נאנען־קלייד ווערט פאר מיין אויג דורכזיכטיג,
און פרעכטיג קוקט ארויס דאס ווייסע לייב פון איהר.
די יונגע שלאנקע פיס — זיי ציטערען צו מיר,
און אלעס ווערט ארום ווי אנגעצונדען ליכטיג.
אט פליק איך אויף דאס טוך; דער קערפער שטראלט אין ליכט,
נאר, נאט, עס שמייכעלט מיר דיין מוטערליך געזיכט...

גלייך ווי א יונגע בלום, וואס עפענט אויף איהר בעכער,
דער הייסער פריהלינגס־זון, זיך זעלבער אונבעוואוסט,
פון לעבען ווי בערוישט, ערפילט מיט יונגען לוסט,
ערהויבט זי שטיל צו מיר איהר פולען כוס אליץ העכער.
און איידער איהר האט נאך בעריהרט מיין היים בעגעהר —
געקיהלט מיין בוזעם האט דיין שוועסטערליכע טרער.

און ווידער דעק איך צו געהייליגט איהרע גליהער,
דאָס טוך איז אָבער ווייס, און זי איז ווי ענטציקט.
די באַקען רויטלען זיך, די ברעמען פאַלען נידער,
איהר קערפּער איז פאַרשעמט, איהר זעלע איז בעגליקט.
און דרעמלענדיג אין לוסט, צעוויקעלט זי די פליטער,
די היפטען ווערען רונד, און מיך נעהמט דורך א ציטער.

דאָס איז דער פריהער הערבסט, די רייכע פולע שענהייט.
די שלאַנקע רונדע פיס, די אויפגעבליהטע בריסט,
דער פולער פעסטער גוף, וואָס שטורעמט און געניסט,
ענטהילט פון יוגענד־קלייד און אונבעוואוסטער ריינהייט.
אַט וואַרף איך זיך צו איהר, ווי צו א צייטיג פרוכט —
און ווידער האָט זיך מיר דיין ריינער בליק געדוכט.

עס רינגלען מיך ארום א קרייז פון שעהנע פרויען,
פאַרשידען אין געשטאַלט, אין פּאָזע און אין קלייד.
און אלע זענען גרייט מיר פריי זיך צו פאַרטרויען,
ערפילען מיין פערלאַנג אין אלע ארטען פרייד.
דאָך וואונדערבאר אין שיין פון ראָזען תאוה־ליכט
פאַרמאָגען אלע גלייך דיין צניעות'דיג' געזיכט.

אין שטורעם

אַט זעה דאָרט ווייט אין פעלד, ווי ס'ווירבעלט זיך דער שטורעם
און קנוילט דעם וואָלקען אויף צוזאַמען מיט'ן שטויב !
אַט פלאַקערט אויף דער דאָרף ! עס פאַלט דער גלאָקען טורעם
און דורכ'ן דונער הילכט זיין לעצטער אָבקלאַנג : גלויב !

און אין דעם פאַרק ביי אונז שוין יאָמערען די בוימען,
עס דונקעלט שווידערליך, די שאָטענס ווערען בלייך ;
די ליליען ברעכען זיך אין מיטען זייער טרוימען,
די בלעטער דרעהען זיך, ווי שוואַלבען אין דער הויך.

דער שטורעם נעהנטערט זיך, עס קרעכצען אַלע צווייגען,
נאָר דו, מיין טייערע, דו שטעהסט אין שטילען שווייגען...
דיין שלאַנקער קערפער שטאַרט, עס פלאַטערן די לאָקען,
דיין גראָהע־ברוינליך קלייד אומשלינגט דיך, ווי דערשראָקען,
און בולט קוקט אַרוים איעדעס גליעד דורך איהר.
גלייך ווי אַ בילד פון בראָנז ערשיינסטו איצט פאַר מיר
אין פיקפען פונ'ם ווינד, אין עכאָ פון די גלאָקען.

וואָס פאָרשט דיין שוואַרצען בליק, בעפליטערט פוג׳ם בראַנד?
וואָס ציהט נביא׳יש זיך דיין לאַנגע שמאָלע האַנד?
הערקענסטו נישט די קראַפט? איז זי דיר נישט בעקאַנט?
פלעגט זי דיר נישט אמאָל אזוי אונענדליך לאָקען,
אזוי אונענדליך לאָקען?...

איצט נידערסטו דעם קאָפּ, דיין קערפּער ווערט געבויגען,
און טרערען פּערלען זיך אין זייד פון דיינע אויגען.
געדענקסטו דען אמאָל, אין גלאַנץ פון די סאלאָנען,
אויף כוואַליעס־הייסען טיול מיט פריי ענטבלויזטען ברוסט,
ווען אין דעם ווילדען וואַלס פלעגסטו מיט ווייסע אָרימס
און נעבעלדיגען בליק דעם ווילדען שטורעם מאַהנען?
געדענקסט?...

אָט זעה דעם שטילען דאָרף אין שטורעם, ווי ער ברענט,
און דאָרט נישט ווייט אַ פרוי פערבראָכען מיט די הענט —
דאָס איז די זעלבע קראַפט, וואָס האָט דיך דאַן געבלענדט.
דיין ווילען איז געשעהן, און העלפען איז שוין שפּעט...
אומזיסט, אָ, קניהסטו איצט אין הילפלאָזען געבעט...
אָ זעה!
די לעצטע ליליע ליגט צובראָכען אויפ׳ן בוים.
דער טורעם איז צושטערט, דער גלויבען איז שוין טויט.
נאָר דאָרטען זעהסטו ווייט: עס לייטערט זיך דער הימעל,
און אויפ׳ן וועג פאָר אונז שפּרייזט שנעל אַ פעסטער מאַן.
זיין גראָבע ארבייטס־קלייד אומשלינגט אַ דיקע שטריק,

דאָרט שטעקט א נייע האַק און ערענסט איז זיין בליק.
ער שפּרייזט מיט שווערע טריט צום אָבגעברענטען דאָרף.
אָ, גיב מיר שנעל די האנד! — דאָס איז דער גאָט פון בויען!
איהם קענסטו זיך פארטרויען!

.1915

אַ חופּה ליעד

זאָל אין דיין כלה שוים
מיין לוסט געהיילינגט זיין!
גלייך ווי דער רויטער וויין,
וואָס פינקעלט אינ׳ם כוס
ביים שיין פון חופּה־ליכט!
און זיין זאָל מיין בענעהר
פון חלום נישט ערוועקט,
גלייך ווי עס איז בעדעקט
מיט צארטען ווייסען זייד
דיין מיידעלשע געזיכט!

און ווען דער כוס וועט זיין
שוין ליידיג פונ׳ם וויין,
און פול מיט שטילען פּיין,
וועט לינען זיין קריסטאָל
צושמעטערט צו דער ערד;
אַ גלויב, דאָס איז דער שטויב

פון דער פארבליהונג גור,
וואָס נאָך איהר לייכטען שפור
איז ערשט די צייטיגע
און זאפטיג פרוכט בעשערט.

און ווען דיין יונגפרוי־הארץ
וועט ווייגען פון פערדרוס,
ווען צו דיין שלאנקען פוס
וועט לינען אָבגעפליקט
די ריינע יוגענד־בלאט;
אָ גלויב, עס איז א פריינד,
א ברודער און א מאַן
מיט דיר, מיין קינד, פאַראַן,
וואָס ליבט און בויט מיט דיר
א בנין עדי־עד.

האַרבסט זכרונות

„איז דאָס דער לעצטער קוש אין דיינע ווייכע אָרעמס?
עס טוליעט אַזוי ליב דיין לייכטער פּעניואַר.
עס ווייסט זיך נאָך געהיים דיין ברוסט פון זיינע שפּיצען
און דריקט מיך אויף דאָס האַרץ מיט שטילען מילדען צער.“

„די אויגען שטראַהלען מיד גלייך ווי די זון אין פענסטער,
דורך טויזענד פאַלדען קוקט דיין שלאַנקער גוף אַרויס,
און ווי אַ ווייסע טויב, דערשראָקען ליגט פאַרגליווערט
דיין שמאָל געשניצטע האַנד אין סאַמעט פון דיין שויס“.

אַ לאָז מיר אָטעמען דעם דופט פון דיינע אַקסלען!
זיי שמעקען ווי די רייפע רויזען אַזוי שטאַרק.
זיי בלייבען שטיל אַרויס אין שאָטען פון די לאָקען,
גלייך ווי אַ מאַרמאָר־ביוסט אין שטילען אַלול פּאַרק.

אַ לאָז מיר נידערן צו דיינע פיס די שלאַנקע!
ווי יונגע הירשינס צוויי פון ווילדען יעגער מיד

פאַרמאַטערט קוקען זיי אַרויס פון דיינע קליידער
און ציהען זיך נאָך רות מיט יעדען שעהנעם גליד... —

דאָס איז שוין לאַנג געוועזן. ווען האָב איך עס געפּליסטערט?
ווען האָב איך איהר געקושט? ווען האָב איך איהר געגלעט?
פאַרלאָזען שטעהט דאָס הויז, דאָרט וואוינען איצטער פרעמדע
און פרעמדע שוועכען איצט די שאָטענס פון מיין בעט.

דער הויכער טאָפּאָל שיט מיט בונטע געלע בלעטער,
די פענסטער פייערען אין זונען־אונטערגאַנג.
אָט שטעה איך פאַר'ן שוועל און בעט ביי אַלע געטער
און ס'איז מיר אַזוי גוט, אַזוי אונענדליך באַנג!...

אַ רגע רוה

ווי א באלזאם פליסט זי ווידער,
אָט די שטילע רגע רוה.
מיינע ברעמען פאלען נידער,
און מיין זעלע טראָגט זיך וואו.
לייכטער ווערען מיינע גלידער,
אויף דער שטעג פון שטילער רוה...
לייכטער ווערען מיינע גלידער,
אויף דער שטעג פון שטילער רוה...

עמיץ זינגט בעקאנטע לידער
מיט א נאָהנטען ליבען קול.
און עס סוד'עט ווער פארטרויליך
וואונדער־מעשיות פון אמאָל.
ווי א וואסער זומט דאָס פרעהליך
אין א ווייסען מארמאָר־שאָל,
ווי א יאָמער קלינגט דאָס גרויליך
אין א טיעפען וויסטען טאָל.

שאַרפער, שאַרפער ווערט מיין אויער
פאַר דעם ליב בעקאַנטען קול;
שאַרפער, שאַרפער ווערט מיין אויער
פאַר דעם ליב בעקאַנטען קול.

און איך קום אין לאַנד פון צויבער,
אין דער שטילער יונגענד לאַנד.
דאָרטען פליהט די גאָלדענע פאַווע
מיט דעם דונקעל־בלאָהען באַנד.
דאָרטען שטראָמט דער קוואַל פון לעבען
אויף אַ פינקעלדיגען זאַנד,
און די ציגעלע, די ווייסע,
עסט דאָרט מאַנדלען פון מיין האַנד.
העלער ווערען מיינע אויגען
אין דעם שטילען טרוימען־לאַנד.
העלער ווערען מיינע אויגען
אין דעם שטילען טרוימען־לאַנד.

צווייטעס בוך

כ'בין פארליבט אין דיר, מיין שטילע,
אין די טיפע שווארצע אויגען,
וועלכע האבען נור די שאטענס
און לבנה־שיין געזויגען.

דיינע הענד, די צארטע פינגער —
נאר פאר סטרונעס שטיל צו גלעטען,
און פאר שבת ליכט זיך רויטלען,
ווען די ליפען ערענסט בעטען.

און די טריט, וואס שוועבען לאנגזאם,
גלייך זיי וואלטען געהן בעגלייטען
נאכ'ן טאקט פון טרויער־טענער
שטיל א מטה פון א טויטען.

טרויער־טענער, שטילע לידער
און א סוד פון ליכט און שאטען,
ווייסע טרוימען פון א ליליע,
וועלכע ווערט דערנאך צוטראטען.

יא, איך ליב דיך, אידיש' טאכטער,
און דאס ביזטו, מיין געליבטע,
ווי א מלכה שטאלץ, און אויגען —
פון א שכינה א בעטריבטע.

צו אַ אידישער טאָכטער

(אָדעַ)

ווער לויטער, הארץ! בעפליגעל זיך, מיין ליד!
גערדאנק, ווער פעסט! און הייליג ווער מיין ווילען!
וועק אויף, אַ זעל, די האַרפע פון געמיטה
און פיהר ארוים די צערטליכסטע געפיהלען!
קלייב אויף, מיין טרוים, דאָס שענסטע וואָס עס גליהט
און בליהט ביי דיר אין פּאַראַדיז, אין שטילען!

פארזאמעלט אייך, זכרונות פון מיין גליק,
איהר פּערל־שנור, וואָס האָט געצירט מיין יוגענד,
דער מאַמעס טרער, איהר טיעפער ריינער בליק,
וואָס האָט געוועבט מיין אַכטונג און מיין טוגענד,
די גרויסע פרייד פון ערשטען זיין־בעגריף,
וואָס האָט מיין זעל צום ערשטען מאָל בענוגענט.

איך וויל מיין ליב' איצט אויסזאָגען מיין דאנק,
וואָס האָט אַ צייט געגאַרט, אום צו געפינען
די נאָהנטע זעל, די אמת ריינע הארץ,

צו וועלכער איך זאָל גלויביג קענען דינען,
און געבען איהר, אלס חתונה־געשאַנק
דעם קלאָרסטען שטראָם פון הארצען און פון זינען.

אָ, הויב זיך אויף, מיין קינדערשער געבעט,
וואָס איך האָב פרום ביים אויפשטעהן און ביים שלאָפען
געמורמעלט שטיל, פון מאמעס האנד געגלעט,
ערפילט מיט רוה פון גלויבען און פון האָפען,
און טיעף געוואוסט, אז פון מיין קינדיש בעט
האָט שטיל מיין וואָרט צום בורא׳ס שטול געטראָפען!

אָ, פינקעל אויף, מיין אינגעלש־רייניער טרער,
וואָס האָט אמאָל אויף דניאל׳ס אלטע בלעטער
מיט שטאָלץ און צער געגידערט לאנגזאם שווער
און דאָרט געזוכט א גואל און א רעטער,
וואָס זאָל דאָס פאָלק בעפרייען מיט געוועהר
און רייניגען די ערד פון פאלשע געטער.

אָ, פלאקער אויף, מיין ערשטער הייליגער האַס,
ווען איך האָב בייז געדריקט די קליינע פינגער,
ערפילט מיט שאנד און פיין און ווילדען כעס,
געיאָגט פון הינד און גוי׳אישקע צוויי קינדער,
דעם ערשטען מאָל געשיצט מיין לייב אין גאַס,
און קעמפענדיג געמאכט מיין וועהטאָג גרינגער!

ערשיין, מינוט, ווען איך האָב אין דער שול
צום ערשטען מאָל דערפיהלט דעם אב הרחמים,
און מיט אַ הארץ, פון גרויסער ליבע פול,
געטוליעט זיך צום פאָטערליכען טלית,
אין פלאם צו געהן מיט אַלע קדושים גרייט
און הייליגען זיין נאָמען מיט מיין טוידט!

אַ קלייבט זיך אויף און קומט בעצירען דער,
וואָס האָט ביי זיך אין איהרע שווארצע אויגען
די גרויסע, טיעפע, טרויערינגע טרער,
די אמת שטאָלצע, מלכות'דיגע בליצען,
געלייטערט אין דעם אייביג שווערען קאמף —
פון גראָבע הענד די ריינליכקייט צו שיצען!

אַ קלייבט זיך אויף און קומט בעקרוינען דער,
וואָס האָט אַ לייב, נאָך ריינער פון אַ קרבן,
וואָס ווייס דעם צער, ווי גרויס ער איז און שווער,
וואָס האָט די פרייד צו טראָגען איהם ערוואָרבען,
וואָס קען מיט איין פערליבטען ריינעם בליק
דערהויבען דעם, וואָס איז צום גרונד פאַרדאָרבען!

אַ קלייבט זיך אויף און פלעכט איהר אויס אַ קראַנץ
פון ליליען ווייס און דאָרנדיגע רויזען!
בעשימערט איהר מיט יענעם הייליגען גלאַנץ,
וואָס שפּראָצט ארויס פון געטליכען ערלייזען,

ווען ס'האַרץ ווערט ריין, די זעלע קלאָר און גאַנץ,
מיט ליבע פול און פריי פון אַלעם בייזען!

מאַי, 1914.

אין אַ שווערער צייט

לאָמיר נישט ריידען
און פּאַסען געדולד.
הייליג די ליידען,
וואָס קומען אָהן שולד.
הייליג די ליידען:
זיי לייטערען שנעל,
עפענען הערצער,
און מאַכען זיי העל.

אומעדום הער איך
נאָך הילף דיין געשריי.
זעה דיינע אויגען,
ערפילטע מיט וועה.
זעה דיינע אָרימס,
אין ליידען צושפּרייט;
אויף שטיקער צוריסען
דיין קעניגליך קלייד.

נאָר ווי קען איך העלפען,
און וואָס קען איך טהון;
אויך איך בין אַ קעניג'ס
פארטריבענער זוהן.
ערגעץ וואו ראָסטעט
פארלאָרען מיין שווערד,
ערגעץ וואו בלאָנזעט
מיין מעכטיגער פערד,
ערגעץ וואו דרעמעלט
פאר'כישופ'ט מיין חיל,
ערגעץ וואו טרייע,
פאר טויזענדער מייל.

און איך בין דאָ איינער,
און האָב נישט קיין מאכט.
קריץ מיט די ציינער
אין שלאָפלאָזער נאכט.
ברעך מיט די פינגער,
און יאָמער און בעט,
וועק אויס מיט טרערען
מיין איינזאמעס בעט.

אָט זעה, ווי איך נויג זיך
און קוש דיינע טרים,
וואָשׂ זיי מיט טרערען

פון שווערען געמיטה,
שטעק יעדען דאָרן
פון זיי אין מיין לייב.
גרייט דיך צו העלפען,
מיין הייליגע ווייב.

לאָמיר נישט ריידען
און פאסען געדולד.
הייליג די ליידען,
וואָס קומען אָהן שולד.
הייליג די ליידען,
זיי לייטערען שנעל,
עפענען הערצער
און מאַכען זיי העל.

יוני, 1915.

דריי רויטע ליליעס

באַלאַדע.

טירען ריהרען זיך און קלאַפּען...
עמיץ הויבט אַרויף דעם פאָרהאַנג...
שטילע קלאַנגען פון אַ ציטער...
טריט און לייכטע זייד־בעריהרונג...
ס'ליגט און הערט דער יונגער ריטער,
צעהלט די טריט מיט שטילען ציטער...
— הע, איהר היטער, צינדט אָן פאַקלען! —
האָט ער פּלוצלונג אויסגערופען:
הער איך גייסטער אין מיין פּאַלאַץ,
אָדער איז דאָס אַ פערזאירונג?

איינזאַם האָט דעם ריטער'ס שטימע
דורכגעקלונגען אַלע זאַלען.
און די טריט — זיי זיינען נעהנטער,
לייכטער, ריטמישער געוואָרען.
— ווער בעוועגט זיך? — האָט דער ריטער
נאָך אַ מאָל געפרעגט מיט צאָרן.

— ווער בעוועגט זיך? —
אונ זיין שטימע
איז אינ פינסטערניש פארלארען.

— „איך", האט עמיץ איהם געענטפערט
אונ בעריהרט זיין קאלטען שטערן.
„איך, דיין כלה פון ווארמייזע,
פון דיין שווערד אונ קרייץ גענומען.
פיהלסט? אט פליסט מיין ווארעם בלוט נאך,
אונ אט פאלען מיינע טרערען;
פון דעם אידישען בית עולם
בין איך איצט צו דיר געקומען.
שרעק זיך נישט, מיין ליבער חתן!
זעהסט, אט האב איך פון די טויטע
פאר דיין הייליגער מאדאנא
בלומען דריי געבראכט דיר רויטע.
זעהסט."
אונ שטראלען בלאסע קאלטע
האבען פלוצלונג זיך צוגאסען,
אונ אין זיי האט שטיל געשוואומען
א געשטאלט די האר צופלאסען: —
— „זאג, דערקענסט מיך"?
אונ מיט שוידער האט דער ריטער
זיינע אויגען אויפגעריסען
און דערקענט... און פול מיט אימה

איינגעגראָבען זיך אין קיסען.

יאָ, דאָס איז די אידיש טאָכטער...
יאָ, דאָס איז די אידיש טאָכטער,
וואָס ער האָט אין שטאָדט ווארמייזע
פון דער חתונה געפאנגען;
פאר דער חופה און קידושין
זי געשענדעט און דערשטאָכען,
און דערנאָך אויף חופה־שטאנגען
איהר געליבטען אויפגעהאנגען.
יאָ, דאָס איז זי, יאָ, דאָס איז זי...
איהרע האָר און איהרע אויגען,
אין דער ברוסט אַ וואונד אַ טיעפע
און דעם קינדיש קאָפּ געבויגען...
אָטאָ שוועבט זי... קומט אַלץ נעהנטער
צו דעם ווינקעל פונ׳ם צימער,
צו דער בילד פון דער מאדאָנע,
וועלכע זיצט אין טיעפען קומער
מיט דריי ווייסע צארטע ליליעס
אין אַ הייליגליכען שימער.

יאָ, דאָס איז זי. יאָ דאָס איז זי...
און עס זעהט דער יונגער ריטער,
ווי די הייליגע מאדאָנא
ציהט איהר האנד אויס מיט אַ ציטער,

גיט דער מיידעל אָב די ליליען,
נעמט ביי איהר דריי בלומען רויטע,
וואָס זיי לייכטען אין דער פינסטער
מיט אַ בלאַסע ליכט אַ טויטע.
יאַ, דאָס איז זי...
און אויף מאָרגען,
ווען די זון איז אויפגעגאַנגען,
האָט מיט שרעק דערזעהן דער ריטער,
ווען ער האָט געגומען קניהען
אין דער האנד פון זיין מאדאָנע
ווי דריי רויטע ליליעס גליהען.

מאַי, 1913.

צו באַדעקענס

צוויי שוואַרצע צעפּ פון צאַרטען זייד,
צוויי שוואַרצע צעפּ פון צאַרטען זייד,
פאַרפלאָכטען איז מיין גליק אין זיי;
דו ווילסט מיין טוידט, טאָ נעם און שנייד
צוויי שוואַרצע צעפּ פון צאַרטען זייד.
אָ, מאַמעשי, צו פיהלסטו דען מיין וועה? —

עס שניידט די קאַלטע שער און שניידט,
דער כלה׳ס פּנים בלייכט ווי קרייד,
זי בייסט די ליפּ ביז בלוט. —
— אָ, מאַמעשי, רחמנות האָב;
דו שנייד דעם קאָפּ מיר בעסער אָב,
דאַן וועט מיר גוט זיין, גוט.

קאַפּעלע שפּיעלט... עס קומט דער רב:
— נו מזל טוב, נו מזל טוב,
דער כלה׳שי בעדעקען —

עס זומט אַן אומעדיגער שפּיל,
די כּלה זיצט און שווידערט שטיל,
גלייך ווי עס וואָלט איהר שרעקען.

— זיי גרייט, מיין טאָכטערשי, זיי גרייט. —
— אָ, מאַמעשי, איך פיהל דעם טויט;
ער וועט מיך היינט בעפרייען.
צינד אָן לעם מיר אַ יאָהרצייט ליכט
און דעק נישט אָב מיין בלאַס געזיכט,
און זאָג נישט אויס מיין טרייען.

געדענק, אויב מאָרגען קומט צו דיר
מיין ליבסטער און ער פרעגט אויף מיר,
דאַן זאָג איך בין אַ ווייבעל,
איך בין דעם רב׳ס אַ שנור און האָב
אַ הוילע קאָפּ, אַ הוילע קאָפּ,
און טראָג אַ ווייסע הייבעל.

דער חתן געהט, דער חתן געהט;
די מאַמע שווייגט, די מאַמע שטעהט
און ציטערט ווי אין פיבער.
זי ווייסט דער טאָכטער׳ס צער, זי ווייסט;
איהר מוטער־האַרץ האָט נאָר איין טרייסט —
עס וועט, ווי איהר׳ס, פאַראיבער.

אָ גאָט, די כלה איז פארפאַלען !...

ר והיג איז אין פאקט און ליכטיג,
אין דער גרויסער שטוב איז ציכטיג,
געלער זאמד איז אויפ'ן באָדען,
און די טישען פול בעלאָדען
שטעהען מיט די בעסטע עסענס :
ווייסע חלות, פלעשער וויינען,
שיסלען פיש און היהנער פעטע ;
און די ליכט ווי שטערען שיינען,
נאָר קיין געסט געפינט זיך דאָרטען.
רוהיג בלאָזט דער ווינד פון גאָרטען,
ווינט די פאָרהאנגען די ווייסע,
טראָגט אריין ווי ווייטע קלאנגען,
גלייך א קלאָגען, גלייך א שאלען,
גלייך אן עולם וואָלט געשריען :
— גאָט, די כלה איז פארפאלען !

נאָט, די כלה איז פארפאלען !

אין אַ ווינקעל שטעהט דער חתן,
האלט אין האנד זיין ליכט פארלאָשען;
בלאַס און איידעל קוקט זיין פּנים
דורך די שווארץ־געקרויזטע פּאות.
טיף צום ברוסט דעם קאָפּ געבויגען
מיט אַ שרעק אין זיינע אויגען,
שטעהט ער אינ'ם ווינקעל חדר,
און די אַטלעסענע קליידער
גיבען איבער שטיל דעם שוידער
פון זיין שלאַנקען, דארען קערפּער,
וועלכער ציטערט ביי די שאלען:
„נאַט, די כלה איז פארפאלען".

נאַט, די כלה איז פארפאלען!

איינער איז ער דאָ געבליבען,
אין אַ ווינקעל ווי פארטריבען;
אלע זענען וואו פארשוואונדען,
גלייך אַ ווינד וואָלט זיי צוטראָגען —
ווער אין הויף און ווער אין שטעטעל,
ווער צום רב און ווער צום פּריץ,
ווער עס האָט געלאָזט זיך יאָגען
צו דעם וואלד מיט ווילדע קלאַנגען,
מיט געשרייען און מיט שאלען:
נאָט, די כלה איז פארפאלען!

לאנגזאם ציהען זיך די שאָטענס
פון די טונקעלע קאשטאניען,
און מיט זיי צוזאמען קומען
אלע געסט און מחותנים.
—— זאָגט, פון וואנען, זאָגט, פון וואנען?
פרעגט זיך איינער ביי דעם צווייטען.
— איך פון שטעטעל.
— איך פון פריץ.
— און איך קום פון וועג פון ברייטען.
אומעטום געזוכט — געפרעגט זיך,
און קיין איינציג שפור געפונען.
— און דער פריץ?
זיין בן יחיד
איז אויך היינט פון הויף אנטרונען,
אויף דעם ווייסען פערד אנטלאָפען
איז ער גלייך מיט׳ן בעגינען.
— און דער פריץ?
— שמייבעלט רוהיג.
זאָגט: ער וועט איהם שוין געפינען.

שטיל פארצווייפעלט שטעהען אלע;
ס׳קלאָגט די מאמע פון דער כלה,
און דער טאטע רייסט זיך קריעה.
מ׳שפאנט די פערד שוין איין אין וואָגען,
ס׳לעגט דער שמש אויף די חופה,

און דער חתן ווי דערשלאָגען,
שלייכט מיט מידע טריט צום וואָגען.
טויט פארגליווערט איז זיין פּנים,
ס'רינגלען איהם די מחותנים.
ס'קנאקט די בייטש, עס רוישען רעדער,
ס'יאָגט אַ שטויב, און פון די סעדער,
וואָס רינגלען אום דעם פּאקט, טוט שאלען
און יאָמערן אַ פרויען שטימע:
„אַ גאָט, די כלה איז פארפאלען!..."

די נאכט פאלט צו מיט קיהלע טויען,
פון וואלד געהט אויף אַ האלבע לבנה,
עס בלייבען שטיל די ברייטע שטרעקעס,
פארהילט אין טונקעל־גרינע דעקעס.
די פערד — זיי שלעפּען זיך פארשלאָפען,
עס דרעמלען אַלע מחותנים.
דער חתן זיצט — די אויגען אָפען,
מיט טרערען איינזאמע פארלאָפען;
עס חלום'ט זיך איהם אַלץ די כלה:
צוויי שווארצע צעפּ און פייער־אויגען,
און איבער זיי אַ קלאָרער שטערען,
געשטיצט אויף שווארצע ברעמען בויגען,
די ווינקלען נאָז צונויפגעבלאָזען,
דעם שלאנקען קאָפּ אראָבגעלאָזען,
מיט עפּעס אַ געהיימען שמייכעל,

בעהאלטען אין די פולע ליפּען,
וואָס קאָנען הייס און זינדיג קושען
און הייליג פליסטערען אין היכל.
— מיין זינדיג־הייליגע געטרייע —
און פּלוצלונג... שא... צוויי רייטער פרייע
דעם וואָגען יאָגען נאָך פון הינטען...
עס הילכט דאָס וועלדעל זיי ענטקעגען,
עס בויגט די גראָז זיך אויף די וועגען,
גלייך ווי עס וואָלטען זיך געטראָגען
צוויי לייכטע ווינטען אויף די וועגען.
ווער איז דאָס, ווער? אָ, גאָט אין הימעל!
דער חתן כאַפּט זיך אויף פון דרימעל
און זעהט פאַר זיך צוויי שלאַנקע רייטער.
דער ערשטער איז דער יונגער פּריץ,
און גלייך לעם איהם אַביסעל ווייטער
אַ שלאַנקע פרוי... אַ בליק... אַ שמייכעל...
— „אָ גאָט, דאָס איז, דאָס איז מיין כלה!"...
עס שפּרינגען אויף פון וואָגען אלע.
אַ ווילדער קרעכץ... אַ פרעך געלעכטער...
— פאַרפלוכטע פון ישראל'ס טעכטער!...
— אַ קללה דיר פון אלע אידען!...
— דאָבּרא נאָץ, זשידזשי!...
— גריסט דער מאַמען!...
און פּלוצלונג אויפגעמישט צוזאַמען
האָט זיך אַ לאַכען און אַ קלאָגען,

און נאַכדעם שטיל ענטשטומט געוואָרען.
נאָר מעהר נישט פון דעם חתן'ס וואָגען
האָט זיך אַ שטימע נאָך געטראָגען,
געוויגט זיך אין די בלאַסע שטראַלען:
— אַ גאָט, מיין כלה איז פארפאַלען!...

אויגוסט, 1913.

די קעניגען מרים*)

עס בלייכען ביים ווייכען געשימער פון שטערען
די מירמעלנע זיילען פון הורדוס'עס פּאַלאַצען.
עס שלאָפען די טורעמס. עס לאָזט זיך נישט הערען
קיין קול פון טראָמפּייטען, קיין אָבהילך פון טאַצען.

די פּאַלמען — זיי שטעהען פארגליווערט און שלאַנקע.
די בלומען — זיי שלאָפען מיט בעכערס פערמאַכטע,
די ליליען נאָר וויגען זיך לאַנגזאַם ווי קראַנקע,
און דורשטען נאָך טויען מיט שטענגלעך פארשמאַכטע.

פארשטומט איז די נאַכט אין אַ שלאָף אין אַ הייסען,
עס הערט זיך קיין ריהר. נאָר פון קיניג'ס טעראַסע
צוטראָגען זיך האסטיגע טריט און צושפּרייטען
אַן אונרוה צווישען די זיילען די בלאַסע.

עס ווייזט זיך אַ שאָטען מיט פלאַמיגע אויגען.
עס שוועבט פאַר די זיילען דער מאַנטעל פון קעניג.

---

*) הורדוס'עס פרוי.

עס סוד'עט איין שומר דעם צווייטען: „גיב אכטונג,
דער קעניג איז ווידער איהר גייסט אונטערטעניג..."

— „גיב אכטונג"!
און פלוצלונג צושניטען די לופט האָט
אַ שטימע פול ליידען, פול אנגסטען, פול שרעקען:
— מיין מרים, מיין מרים, מיין מרים וואו ביזטו!
העי, שומרים, געהט גיכער די קעניגען וועקען!

געהט גיכער, געהט גיכער, אין שלאָפצימער רוהט זי
און גארט נאָך איהר קעניג און וואַרט אויף זיין קומען.
גרייט גיכער די טישען, גיסט אָן די באָקאַלען,
צושפּרייט אויפ'ן באָדען די פּרעכטיגסטע בלומען!"

— מיין מרים!...
און אויפגעכאפּט האָט זיך דער פּאַלאַץ
מיט פאקלען פארפול איז דער גאָרטען געוואָרען.
מיין מרים! געהילכט האָט אין יעטווידען ווינקעל
און ווייט אין דער נאכט מיט'ן עכאָ פארלאָרען:
„מיין מרים! מיין מרים!"
אומזיסט אָבער האָבען די דינער געשריען,
אומזיסט האָט דער קעניג געוואַרט אויף די שטופען
פון מירמעל־טעראסע און פול מיט חרטה:
מיין מרים! מיין מרים! מיין מרים! — גערופען

די פּאַלמע נאָר האָט איהם געענטפערט: מיין מרים!
און ס'האָבען געקלאָגט זיך אין גאָרטען די קוואַלען:
מיין מרים! געוויגט האָבען שטיל זיך די ליליען
און לאַנגזאם געשמאַכט אין די בלויליכע שטראַלען.

.1913

שרעק

אונענדליך ציהען זיך די טעג
און שווינדען,
עס יאָגען זיך פון ברעג צו ברעג
די ווינדען,
די וואָלקענס ציהען זייער וועג —
אונענדליך אָבער בלייבט מיין שרעק...

דאָרט, ערגעץ ווייט, פאר טויזענד מייל
אין צפון
איז שטיל א קלאָרעם טייכעלע
געלאָפען;
א בלאסער הימעל האָט אויף דעם גערוהט, —
איצט זיינען זיי געפארבט אין פלאם און בלוט.

דאָרט איז די היים פון מיינע היים־
געליעבטע.
מיט טויזענד פעדעם טיף פון הארץ

פארקניפּטע

מיט צער און פרייד דורך דורות נאָכאַנאַנד,
בעהעפט האָט זיי דער גורל מיט'ן לאַנד.

איצט יאָגט זיי דאָרט דער שווערד אויף אלע
וועגען,
אין היץ, אין קעלט, דורך שטורעם, שניי
און רעגען
געפּיינגט, געֹ'סמ'ט, געיאָגט פון יעדען אָרט,
בעגלייט מיט האַס און מאָרד.

אַ גרויסער גאָט, דאָרט איז מיין קינד
געבליבען.
בעהיט זי, וואו די שרעק האָט איהר
פארטריבען,
פון ווילדען לומפּ, וואָס שענדעט יעדע טויב
און זעטיגט זיך מיט שאַנד און רויב.

אונענדליך ציהען זיך די טעג
און שווינדען,
עס יאָגען זיך פון ברעג צו ברעג
די ווינדען,
די וואָלקענס ציהען זייער וועג. —
פארגליווערט אָבער בלייבט מיין שרעק...

יאנואר, 1915.

פריהלינגס־טרערן

די ווערבע האָט זיך שויןביים טייכעל שטיל צולאָזען,
מיט צאַרטע פינגער קלאַפּט דער פריהלינג אין מיין טיר,
איך עפען אויף: די לופט — זי גלעט מיך מילד,
אַ פרישער דופט פון גראָזען, —
און ווידער שוועבט דיין בילד
און וויל מיך נישט פארלאָזען.

אזוי, אזוי געוועהט דיין אָטהעם האָט אויף מיר.
און וואונדערבאַר אזוי גערופטעט דיינע גלידער,
ווען דיינע פינגער פלעגען רוהען אויף מיין קאָפּ
און וועקען אין מיין האַרץ די וואונדערבארסטע לידער.
איצט ביסטו ווייט פון מיר אָהן זיכערהייט, אָהן רוה,
דיך שרעקט מיט אונטערגאנג דער שיקזאל ערגעץ וואו,
און מיך, אַ, פיהרט ער איצט צום שווארצען ליבע־קרייז,
איך זעה זיין שאָטען שוין אין בלאָהען פריהלינג
און פון מיין האַרץ, צופיינט פון בייַנקעניש און רייץ,
ערשיינט פאַר מיר דער גיהנום׳דיגער צווילינג.

דער צווייפעל אינ׳ם גליק און אימה פאר׳ן סוף...
אַט זעה: איך וואלגער זיך אין שטויב, ווי מיינע ברידער,
ווי יונה גלייך אין ווינקעל פונ׳ם שיף,
פארצווייפעלט אין זיין גאָט, אין צער פארזונקען טיף.
ווי כריסטוס גלייך אין העסמאנישען גאָרטען,
זיך באָדענדיג אין שוויים פון אימה פאר׳ן טוידט,
צושפרייט איך מיינע הענד פאר יענעם שיקזאַל דאָרטען
און בעט פאר דיר, פאר מיר, און פאר דיין צארטען בליק.
נעם צו, אַ מעכטיגער, נעם צו דעם כוס צוריק!
און אויב דיין ווילען איז — איך זאָל מיט איהר זיך שיידען,
טאָ זאָל דיין שווארצער פלאָר פארוויקעלען אונז ביידען.
עס האָט מיין לוסט צו איהר די אייביגקייט געזוכט,
איהר ווייסער לייב האָט מיך מיט הייליגקייט פארשפונען.
און אויב עס איז בעשערט — מיין גליק זאָל זיין צורונען,
אין שטילען פריהלינג־שוים, טאָ זאָל ער זיין פארפלוכט.

אַ טייערע, ווי שעהן עס גרינען זיך די צווייגען,
ווי טיף דער הימעל איז, ווי פייערליך זיין שווייגען!
און וויפיל ליכט עס שטראָמט, און וויפיל דופט עס וועהט,
און וויפיל יונגע שטימען סוד׳ען מיר..... פון טוידט.
אַ טייערע, ווי שווער עס איז דעם קלאנג צו הערען,
ווי בלוטיג פליסען איצט אין פריהלינג מיינע טרערען!

אפריל, 1915.

ווייסע פריהלינגס־בליטען

ווייסע פריהלינגס־בליטהען
שיטען זיך און שיטען.
גלייך ווי דיינע טרוימען
ווען מען זיי נישט היטען,
גלייך ווי דיינע טרוימען
ווען מען זיי צוטרעטען.
איינציגע נאָך אפשר
וועט מיין ליבע רעטען;
איינציגע נאָך אפשר
וועט מיין ליד געפינען,
און מיט ריימען צאַרטע,
ליבסטע, דיך בעשפינען.

מאַי, 1915.

אויף די שטילע וועגן

אויף די שטילע וועגן
האָט געשפּרייט אַ רעגן.
אויף די שטילע וועגן,
וואו מירביידע געהען,
בליהען די קאַשטאַניען,
שמעקען די אַקאַציען,
אָטעמען מיט וואונדער־
פרישקייט די אַלייען.

אויף די שטילע וועגן
נויגען זיך די צווייגען,
קאַפּען גרויסע טרערען
אינ׳ם שוים פון שווייגען.
און אין שטערען־שימער
מיט אַ צער אַ שאַרפען
שפּילען אויף די פעלדער
שטילע פריהלינגס־האַרפען.

קלאָגען זיך אין נעבעל
מיט אַ יונגענד־טרויער,
גלייך ווי דו, מיין ליעבסטע,
אין דיין חופּה־שלייער.

מאַי, 1915.

* *
*

מיר שלינגט איינגאנצען איין דאָס שטילקייט פונ'ם צימער,
דאָס בענקעניש נאָך דיר אין פינסטערניש פון נאַכט,
מיין אויג ווערט נישט פארבלענדט פון אויפגעשטויבטען שימער,

וואָס הילט דעם לעבען איין אין וואָכעדיגען פראַכט.
מיר כישופ'ט נאָר די שעה, ווען ס'שווינדען פרייד און לייד,
און אין דער אויביגקייט די שטערען האַלטען וואַכט.

און דאַן בעגרייף איך ערשט דעם וואונדערבארען סוד,
וואָס האָט געקוקט צו מיר פון דיינע שווארצע אויגען,
די רוהיגקייט, וואָס דו האָסט שטיל אויף מיר צושפרייט.

און וואָס מיך האָט, מיין ליב, אזוי צו דיר געצויגען,
ווען איך האָב זיך אין יאָך פון טעגליכקייט געשלעפּט,
און אונטער טויזענד פעק פון קלייניגקייט געבויגען...

פעברואַר, 1915.

* *
*

פון שווארצע נעכט א טרויער־צוג
בעגלייט מיין זיין נאך דיר;
דער לעצטער טראפען וויין פון קרוג,
די לעצטע פרייד
איז טויט
אהן דיר.

ווער איז מיר דא, ווער דארף מיך דא,
חוץ דיר, געליבטע מיין?
די גאנצע וועלט פארקויפט און קויפט;
די צייט — זי לויפט,
און גלייך מיט איהר
פארשווינדסטו שטיל פון מיר —
צום טויער פונ׳ם טויט.

איין רגע נאר וואלט איך געוואלט
א קוק געבען אויף דיר,

דערצעהלען דיר, ווי איך האָב האָלט,
ווי שטיל איך בענק נאָך דיר.
א דריק אין האנד,
א גיכער בליק
פון אונטער דיינס א ברעם —
מעהר דארף איך נישט.
דאָס איז מיין גליק,
דער חלום פון מיין וויג.

* *
*

אין שווארצען נאכט האָב איך דיין האַרץ פאַרנומען.
זיין קלאַפּען איז געווען אַזוי בעקאַנט, —
און פּלוצלונג איז די פינסטערניש צושוואומען:
מיך האָט בעריהרט דיין ווייס געשניצטע האַנד, —
דו ביסט געקומען.

פון וואָלקען האָט א בלאָהער שיין געראָנען,
די ביימער האָבען וואונדערבאַר געבלייכט,
דער לאַנדשאַפט האָט אַ דעמערונג פאַרשפּונען,
עס האָט דיין בליק מיין איינזאַמקייט געווייכט,
און איך האָב זיך געפונען...

פון וואָלקען־שפּאַלט געפינקעלט האָט א שטערען,
איך האָב געקוסט זיין סודות'דיגע ליכט,
וואָס האָט געבליצט, געפינקעלט אין די טרערען
פון דיין פאַרליבט געזיכט.
און ס'האָט מיין האַרץ אין אָנגעשטרענגטע הערען

זיך אויף דער זון געריכט...
גלייכגילטיג אָבער איז דער טאָג געקומען.
דיין קאָפּ איז מיד געלעגען אויף מיין ברוסט.
איך האָב דעם ווייטען רויש פון שטאָדט פארנומען
און וואכעדיג געוואָרען איז מיין לוסט.
א פרוי ביים וועג פארקויפט האָט בינטלעך בלומען:
זי האָט מיין סוד געוואוסט...

פֿאַרגעפֿיהל

אַהן טרערען האָב איך וויינען דיך געזעהן.
דאָס איז אַ שווערע פֿריהלינגס־נאַכט געוועזן.
אין לופֿט איז מיד געהאַנגען אַ געוויטער.
אַ שוואַרצער וואָלקען האָט זיך שווער גערוקט,
די נאַכט האָט בלינד פֿון אומעדום געקוקט,
פֿון ווייטען האָט פֿאַרשטיקט געראָלט אַ דונער,
אַרום איז אַלץ געשטאַנען אָהן אַ ציטער,
פֿאַר'חלש'ט האָט דער בעז פֿון זיינע בליטער
אין הייסען לופֿט צעשפּרייט אַ שווערען דופֿט.

דו ביסט געזעסען דאָן ביי מיר אין צימער.
דיין בלאַס געזיכט איז שטאַר געוועזן פֿון קומער.
דאָס ליכט נאָר האָט מיט אַ בעוועגטען פֿלימער
אויף דיין געזיכט די שאָטענס קוים געריהרט;
אַ שוידער האָט דיך פֿלוצלונג דורכגענומען,
און איך האָב קוים דיין צאַרטע שטים פֿאַרנומען:

— אַ הערסטו, דאָרטען ווייט מען בויט אַן עשאַפּאָט,
און אין דער שווערער נאַכט דאָרט דונערט ווער מיט שפּאָט?
עס קלינגען קייטען וואו, און עמיץ בעט ביי גאָט,
גלייך אַ בעקאַנטע שטים פון טאַטען צי פון זיידען,
און אפשר האָט מיין בלוט אין מיר גענומען ריידען... —

און איך האָבווירקליך ווי דערהערט אַ רויש פון רעדער,
אַ דומפּער אייזען-קלאַנג און טריט פון רייטער,
און אויפ׳ן הויף
קלייבט עמיץ אויף
אַ בינטעל האָלץ צו טראָגען אויפ׳ן שייטער.

— „וואָס איז דאָרט איצט מיט זיי? דאָס קאָן געווים געשעהן." —
האָסטו געזאָגט און ווידער שטאַר ענטשוויגען.
אַ פליג האָט ערגעץ וואו געזומט אַ טרויער-ניגון,
און אויפ׳ן האָריזאָנט האָט לאַנגזאַם זיך גערוקט
דער שוואַרצער וואָלקען.

אַ דאָס איז אַ שווערע נאַכט געווען...
אָהן טרערען האָב איך וויינען דיך געזעהן...

הארבסט I

ווי שויעריג קאַלט
עס האָט די לבנה דעם נעבעל דורכשטראַהלט!
עס האַלט מיך די הארבסטיגע נאַכט אין די אָרימס
און נאָגט פון מיין קערפּער די וואַרימקייט אויס...
ווי וואַרים און היימליך געווען איז דיין שוים,
געווען און פאַרשוואונדען...
עס האָבען זיך פייערלעך אונטען צוצונדען.
עס שוואַרצען זיך נאַקעט די צווייגען פון בוים.
דורך זיי קוקט די שטאָדט, ווי א בלאָהליכער טרוים,
די טורעמס — זיי הויבען זיך לופטיג צום הימעל,
די מויערען דונקלען, ווי גרויזאַמע ווענד,
פאַרהילט אין א נאַסען, א גראָהליכען שימעל.
עס קומען צו מיר ווי געמאָסטענע קלאַנגען —
דאָס שלאָגען די זייגערס דאָרט אונטען אין שטאָדט:
„געווען און פאַרשוואונדען, געווען און פאַרגאַנגען" —
זיי צעהלען מיט יאוש, זיי צעהלען מיט שפּאָט.
וואָס רוישט אזוי הילפלאָז ארום אויפ'ן באָדען?

דאָס זיינען די בלעטער די לעצטע פון הארבסט,
עס האָבען זיי גאָלדענע רעגענס געבאָדען —
איצט פרעסט זיי אַ קאַלטער, טויט־שטראַלענדער נעפּעל...
אויך דו האָסט געשמעקט, ווי אַ צייטיגער עפּעל —
איצט שרעקט מיר די שרעקליכע שעה, ווען דו שטאַרבסט.

ווי שוויעריג קאַלט
עס האָט די לבנה דעם נעפּעל דורכשטראַלט!
עס האַלט מיך די הארבסטיגע נאַכט אין די אָרימס
און נאָגט פון מיין קערפּער די וואַרימקייט אויס...
ווי וואַרים און היימליך געווען איז דיין שויס,
געווען און פאַרשוואונדען...

האַרבסט II

אָ, דער טרויעריגער בלעטער טויטען־טאַנץ,
וואָס דרעהט זיך אום אין רויטען אָווענד־גלאַנץ,
אויף אָבגעלעגענע פאַרלאָזטע גאַסען.
אַט שטעהט דער אַלטער בוים און אונטער איהם די באַנק,
ווען איז דאָס שוין געווען? מיר דוכט זיך אַזוי לאַנג,
מיר דוכט זיך אַזוי לאַנג!
איצט איז מיין זעלע פריי פון ליבען און פון האַסען...

די שאָטענס פאַלען צו, עס צינדט זיך אַ פאָנאַר,
באַלד וועט ער שווייגענדיג אין נעבעל קוקען שטאַר,
צעשפּרייטענדיג אַרום אַ געלבען קרייז אַ קאַלטען.
איך פיהל, עס גליווערט מיך אָן איינזאַמער געדאַנק,
און עמיץ פליסטערט מיר: דו ביזט דאָך אַזוי קראַנק!
דו ביסט דאָך אַזוי קראַנק!...
קום, וועסטו זיך ביי מיר פון דיך אַליין בעהאַלטען.

.1915

* *
*

פריד צו דיר, מיין זעלע!
פריד צו דיר, מיין זעלע!
אין מיין קליינער צעלע
קוקט א נאכט א העלע,
זיפט זיך דורך די צווייגען
פונ'ם בוים ביים פענסטער,
וועבט געשניצטע שאטענס,
לייכטע ווי געשפענסטער;
אויף די ווענד פון צימער,
ווי אויף שטילען וואסער,
ציטערן די שאטענס
אין דער שיין דער בלאסער;
און מיר דוכט: צוויי שווארצע
טיפע אויגען גליהען,
און צוויי ווייסע ארימס
גלעטען מיך און ציהען,
און צוויי בלומען-פליטער

סוד'ען מיט אַ ציטער:
„פריד צו דיר, מיין ליבער,
אין'ם וועלט־געוויטער!
וואָס עס איז געוועזען,
וועט געשווינד פאַריבער.
פריד צו דיר, מיין ליבער!
פריד צו דיר, מיין ליבער!

מאַי, 1915.

* *
*

דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין מיינע אָדערן,
א טאָכטער פון מארטירער ביסטו, קינד!
מיר מוזען נעהן אין וועלט און דאָרטען פאָדערן
נערעכטיגקייט פאר אלץ, וואָס ליידט אצינד.

די רוה לאָז אָב, מיין טייערע, און אנדערען:
נישט אונז געהערט פון פלאנצונגען די פרייד.
דעם שטעקען נעהם, מיין קינד, און לאָמיר וואנדערן:
די וועלט איז ברייט און פול מיט טיפען לייד.

אונז איז בעשערט די וויסטע פעלד צו אקערן
פון מענשליך נייסט און מענשליכען נעמיטה,
מיט הייליג' פלאַם דעם דאָרען סנה צו פלאַקערן,
נישט האָבענדיג די פרייד בשעת ער גליהט.

די גאנצע וועלט מיט דערנער קרענץ בעקרוינענדיג,
אליין, אליין זיך בלוטען אונטער זיי...

די גאַנצע וועלט מיט ליבע־גלאַנץ בעשיינענדיג,
פאַרגעהן אליין אין דעם גת שמני־וועה.

דערפאַר האָט גאָט די גאַנצע וועלט בעשאָנקען,
בעגנעדיגט אונז מיט יענעם טיפען בליק,
וואָס קען אין תהום פון ליידען זיך פערבענקענדיג,
דערזעהן דעם גלאַנץ פון ווייטען, גרויסען גליק.

דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין מיינע אָדערן,
אַ טאָכטער פון מאַרטירער ביסטו, קינד!
מיר מוזען געהן איג וועלט און דאָרטען פאָדערן
גערעכטיגקייט פאַר אלץ וואָס ליידט אצינד.

פעברואַר, 1915.

* *
*

איך בײַט די וואוינונגען און בײַט די ערטער
און וואַנדער, האַפּענדיג, פון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפען וועל איך נאָך אַמאָל מײַן יוגענד
און שטאַרבען קושענדיג איהר צאַרטע האַנד.

עס שווימען טויזענדער פּאַר מיר געזיכטער
אין גרויסען שטורעמדיגען מענשען־טאַנץ, —
די שטילע האָפענונג — זי מאַכט מיך ניכטער,
די טיפע רוהיגקייט — זי מאַכט גאַנץ.

עס ליגט די אייביגקייט בײַ מיר אין האַרצען
און וועבט די פעדים פון מײַן אַלטען טרוים,
און טרייסט און ווינקט צו מיר מיט שטערען ווײַטע
פון טיפען נעפּעלדיגען לעבענס־תהום.

איך ווייס, עס דרעמלען נאָך אין זײַנע נעפּלען
די גרינע אינזלען פון׳ם ווייטען גליק,

און ס׳לעבט אַן אויסלייזער פאַר אַלע מענשען,
וואָס וועט נאָך אומקעהרען מיין פרייד צוריק.

איך בייט די וואוינונגען און בייט די ערטער
און וואַנדער, האָפּענדיג, פון לאַנד צו לאַנד,
אַז טרעפען וועל איך נאָך אַמאָל מיין יוגענד
און שטאַרבען קושענדיג איהר צאַרטע האַנד.

.1913

טריסט

אין דער העלער אָוונט־ווייטקייט,
מיט אַ ליבליכען מוזיק
ווערט דער וואונדער־צוג פארגאנגען
פון מיין שטילען יוגענד־גליק.
שלאנקע, שטאָלצע סילועטען,
קרענץ פון בלומען מערקט מיין בליק,
און אַ ווייטער הארפען־עכאָ
קומט מיין אויער נאָך צוריק.
אויף מיין אקסעל פיהל איך, ליבסטע,
ווי עס פאלען דיינע האָר,
און דיין האנד אין אָוונד־דונקעל
ציהט זיך ווי אלבאסטער קלאָר.
ווילסט פארהאלטען די חלומות
פון דעם נאָך פארגאנגען' וואָהר,
פון דעם טיפען, פון דעם שטילען,
פון דעם איינציג גוטען יאָהר.

אָ! געטרייסט זיי, אויגיג שווארצע
און מיין גוטע צארטע טויב!
זעה: אַ נייע העלע יוגענד
קלאפּט אין אונזער דונקעל שויב;

פון דיין מוטער־שוים, אַ טרייע,
שפּראָצט אַ נייער בלומען־שטרוים,
הויבּט זיך צו דער זון פון מאָרגען
מיט אַ פייערליכען לויב.

.1915

אָ, שרעקליכע קללה!
אָ, גרויזאמער פלוך!
קיינמאָל פארשווינדט נישט
דער שטויב פון מיין שוך.
טויזענדער ערטער
דורכגעהען מיין בליק;
איינוואָרצלען קען איך
נישט ערגעץ מיין גליק.

שעהנע מינוטען
און ליכטיגע טעג.
אלץ ווערט פארשוואונדען
אין שטויב פונ'ם וועג:
דאָ האָט די ליבע
א רגע געגליהט,
דאָרט האָט די רוה מיך
א רגע געהיט,

דאָ האָט געטרייסט מיר
אַ דורכגעהער שנעל,
דאָרט האָט דערקוויקט מיך
אַ פריינדליכער שוועל.
דאָס גליק אָבער בלייבט
אויף זיין שטענדיגען אָרט.
דער וואנדערער האָט נאָר
זיין קלאנג און זיין וואָרט.

פיהלסטו דען, טרייע,
די שרעק וואָס אין מיר.
די קראפט, וועלכע קלאמערט
און שמידט מיך צו דיר.
דו ביסט, אָ, געליבטע,
מיין היים און מיין לאנד,
דער גליק וועלכער וואנדערט
מיט מיר אין איין באנד.
דו שיינסט ווי אַ שטערען
ביי מיר אויפ'ן וועג,
מיט דיר וועט פארשוואונדען
מיין היימלאָזע שרעק.

.1915

פּראָלאָג און עפּילאָג...

אַ ציהט זיך, עלעגישע סטראָפעו, אין שטאָלצען און רוהיגען ריטם!
איך וויל, ווי די גריכען, איצט טרוירען מיט קלאָרע און אָפענע אויגען.
עס צייטיגט די פרוכט אינ׳ם גאָרטען, עס שפּרודעלט דער זאַפט אין די טרויבען,
עס בויגט שוין דער ווייץ זיינע זאנגען מיט צייטיגען ערענסט צום באָדען,
דער עפּעל־בוים שטעהט מיט זיין לאסט, ווי א טרעגער א מידער געבויגען —
און רייף איז מיין הארץ פון דער ליבע און פול מיט איהר רייכטום בעלאָדען.

עס האָט מיר געלויכטען די זון, אויך געפינקעלט די גאָלדענע שטערען,
אויך האָט נישט געמיטען די ליבע מיין אויביגען זוכען און גארען,
זי איז מיר ערשינען אין שלייער פון בלומען, פון שטערען און טרערען —
און נאָכדעם, ווי שפּעטיגע רויזען, גענומען אין נעפעל פערדארען,
נאָכדעם, ווי די אייביגקייט האָט מיר בעגליקט מיט דער רוהע פון פריידען,
גענעפענט האָט לאנגזאם איהר טויער די טיפע געהיימניס פון ליידען.

איצט גיב מיר דיין האנד, מיין געטרייע, די האנד, וואָס האָט
בלומען געריסען
און ליבליך בעצירט מיינע טירען אין קורצען און שפּעטיגען
פריהלינג.
עס נעהנטערט זיך רוהיג די צייט, ווען מיין הארץ וויל דיין
פריינדשאַפט געניסען...
די צייט ווען די ווירקליכקייט קיניגט, און צערטליכע טרוימען
פאַרפליסען,
די צייט פון מחילה און רוה, די צייט פונ'ם הייליגען וויסען,
די צייט, ווען עס דאַרף שוין נישט, טרייע, אויף גאָט און אויף
מענשען פאַרדריסען.

אַ, גיב מיר דיין האנד, מיין געטרייע! דער וועג איז נאָך ווייט
צו אַנ'ענדע.
מיר האָבען נאָך פילעס צו שאַפען, מיר האָבען נאָך פילעס צו בויען,
נישט טרוימען, נישט בלומען, נישט שטערען: אין מאַרמאָר גראַניט
און אין אייזען
מוז רוהיג די רייפהייט איהר רייכטום פאַר קינפטיגע דורות
בעווייזען...

.1416

אינהאַלט

ווידמענונג סאָנעט — 5

איינטריטס געבעט — 7—8

ערשטעם בוך

ווידער זעה איך דיר אין גאַנצען — 10

סאָנעטען

I דיין בליק בערוישט, דיין בליק מאַכט צאַרט ביז טרערען 13

II דו ביסט מיר שוין אין יוגענד טרוים ערשינען — 14

III דיך האָט געקרוינט דער גורל פאַר אַ שוועסטער — 15

IV מיין פאָטער׳ס גלויבען האָט מיך נישט ערצויגען — 16

V דער שטן זעלבסט האָט מיך אין זעל געביסען — 17

VI פארשיכורט פון דער נאַכט אין וויהענדע פארפימען 18

VII דאָס ליכט און שאטען שפּיל און גאָלד פון תבואה — 19

VIII אָ לאָז דער ערד איהר אייגען׳ פראַכט דערהויבען — 20

IX וואָלט איך געקענט מיט דיך זיך זעלבסט פארהילען — 21

X מיין מזל האָט פאר מיר די גרענעצן צעריסען — 22

XI פון טונקעל בלאָהען פלאַם איז אויסגעוועבט דיין העמד 23

XII דו ביסט אין דריי פאר מיר ערשינען טרוימען — 24

XIII ערשיין פאר מיר מיט שטאָלץ אין פורפור קלייד פארהילט — 25

XIV דער טרוים האָט מיך א בלאָה קאנאל אַ ברייטען — 26

XV דריי טרעפּ פון שטיין און פיער געשניצטע זיילען — 27

XVI ערלויב מיך קינד מחילה דיר צו בעטען — 28

צביה — 29—65

צערונענע טרוימען — 67—90

אין פארכישופטען קרייז — 91—93

אין שטורעם — 94—96

אַ חופּה ליד — 97—98

הארבסט זכרונות — 99—100

אַ רגע רוה — 101—102

צווייטעס בוך

איך בין פארליבט אין דיר מיין שטילע — — — — — — — — — 104
צו אַ אידישער טאָכטער (אָדע) — — — — — — — — — — — 105—108
ווען דאָס האַרץ פארגעהט — — — — — — — — — — — — 109—111
דריי רויטע ליליעס (באַלאַדע) — — — — — — — — — — 112—115
צו באדעקענס — — — — — — — — — — — — — — — 116—117
אַ גאָט די כלה איז פּארפאלען — — — — — — — — — — 118—123
די קעניגען מרים — — — — — — — — — — — — — — 124—126
אין שרעק — — — — — — — — — — — — — — — — 127—128
פריהלינגס טרערען — — — — — — — — — — — — — 129—130
ווייסע פריהלינגס בליטען — — — — — — — — — — — 131
אויף די שטילע וועגען — — — — — — — — — — — — 132—133
מיר שלינגט אין גאַנצען איין די שטילקייט פון דער נאַכט — 134
פון שוואַרצע נעכט אַ טרויער צוג — — — — — — — — 135—136
אין שווארצען נאַכט האָב איך דיין הארץ פארנומען — — — 137—138
פאַרגעפיהל — — — — — — — — — — — — — — — 139—140
הארבסט I — — — — — — — — — — — — — — — 141—142
הארבסט II — — — — — — — — — — — — — — — 143
פריד צו דיר מיין זעלע — — — — — — — — — — — 144—145
דאָס בלוט פון קדושים פליסט אין מיינע אָדערען — — — 146—147
איך בייט די וואוינונגען און בייט די ערטער — — — — 148—149
טרייסט — — — — — — — — — — — — — — — — 150—151
אַ שרעקליכע קללה — — — — — — — — — — — — — 152—153
פּראָלאָג און עפּילאָג — — — — — — — — — — — — 154—155

Copyright by the
Jewish Socialist Federation
New York, 1917.